גליון

# באור החיים

פרשת פנחס - תשפ"ו לפ"ק

גליון תתפ"ז



הגליון בשבוע זו נתנדב לעילוי נשמת
הרה"ח ר' יוסף בן ר' שמואל זאנוויל ורבקה ז"ל פרושינובסקי
יארצייט ביום כ"ג תמוז - ד' מטו"מ הבעל"ט
נתנדב על ידי משפחתו החשובה
ובזכות זה יתברך הנדבן החשוב בכל מילי דמיטב, וימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה



המדור הזה נתנדב ע"י מו"ה שמואל מאיר מאירוביץ הי"ו (טאהש)
לרגל שמחת תגלחת בנו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן


## באור פני מלך

פניני עבודה על פרשת השבוע

### יראה בלי אהבה אינו שלמות ואהבה בלי יראה אינו כלום

**השיב את חמתי.**

כאשר הדור פרוץ באיזה מדה לא די בזה שהמנהיג או המורה דרך יקנא קנאת ה' לחוד, ולמחות בעון הדור, אלא מוטל עליו חובה לקנא גם קנאת ישראל, להמליץ בעדם לפני המקום, ולקרב אותם באהבה עד שישובו אליו, וכן לא טוב בזה לבד, שימליץ טוב על בני ישראל ויתנהג עמהם באהבה, ומפני כך יכסה את פשעיהם ולא ימחה בעוונותיהם, אלא צריך להתנהג עמהם גם במדת היראה, להוכיח על מעשיהם, ותבער בקרבו אש קודש למחות על כבוד ה', כי אי אפשר להנהיג ישראל באהבה לחוד, כמו שאמרו צדיקים "כי יראה בלי אהבה איננה שלימות ואהבה בלי יראה איננה כלום", אלא צריכין להשתמש בשתי המדות.

ומפני טעות זה היה בכוחו של בלעם להכשיל בני ישראל בזנות, כי היה להם רק אהבה, עד שבא פינחס ולימד כי אהבה כזו אינה אהבה, אלא בעת כזאת צריכין להתאזר במדת הגבורה, לקנא קנאת ה' ולמחות בעוברי עבירה,

וזה שאמר הכתוב "השיב את חמתי", ופירשו בספרים, דלא נאמר הסיר אלא השיב, כי השיב את חמתי פירושו, שהפך תיבה "חימה" לתיבת "חומה", להחליף היו"ד בוי"ו, והיינו שלימד אותנו פנחס, שצריכין להעמיד חומה בצורה לגדור גדר ולעמוד בפרץ, לפרוש מעוברי עבירה, היפך ממדת אהבה, ובזה השיב את החימה והקצף מעל בני ישראל.

ועל זה אמר לו הקב"ה, הנני נותן לו את בריתי שלום, תיבת "שלום" נכתבה בוי"ו קטיעה, כי ענין וי"ו קטיעה, היינו יו"ד שנעשה וי"ו, רומז על עבודתו של פינחס, שהפך אות יו"ד שבתיבת חימה לאות וי"ו ונעשה תיבת חומה.

(פתג"ק פינחס)

### יהושע קיבל כל כוחו ממשה רבינו

**קח לך את יהושע בן נון וגו' וסמכת את ידך עליו והעמדת אותו לפני אלעזר הכהן ולפני העדה וגו' ונתת מהודך עליו וגו'.**

הענין מה שצוה הקב"ה למשה להסמיך את יהושע, היה כדי להשפיע ולהאיר עליו מכחו, שבכח זה יוכל להנהיג את ישראל על דרך הישה, ואכן בכח זה זכו בני ישראל להתחזק כל ימי יהושע שלא לסור מאחרי ה', וכמובא ברש"י הק' בסוף פרשה זו וז"ל "כל ימות יהושע לא השחיתו, שנאמר ויעבוד ישראל את ה' כל ימי יהושע, מכאן שתלמידו של אדם חביב עליו כגופו, כל זמן שיהושע חי היה נראה למשה כאילו הוא חי" ע"כ, והיינו מפני שכחו של משה שהשריש והאיר ביהושע חי וקים כל זמן שיהושע חי, וכן מאיר אורו וכחו לעולם.

ובזה יבואר מה שאמרו חז"ל (ב"ב עה.) פני משה כפני החמה ופני יהושע כפני לבנה, היינו כמו שהלבנה אין לה אור מעצמה, אלא מה שמקבלת מן השמש, ובזה היא מאירה את הלילה, כמו כן כל כחו של יהושע היה רק מה שקיבל ממשה רבינו, ובכח זה הנהיג את בני ישראל.

ועל פי זה יובן מה שאמרו חז"ל (אבות א' א') משה קיבל תורה מסיני ומסרה ליהושע, ודקדקו המפרשים על שינוי הלשון, שהתחיל בלשון קבלה, משה קיבל תורה מסיני, וסיים

המשך בע' ב

# שביבי אש

קורצע טרעפליכע טייטשן מתורתו של כ"ק מרן רבינו הקדוש זיעועכי"א

**חנוך לנער על פי דרכו, א מענטש דארף זיך אליינס אויך מחנך זיין און אויסארבעטן זיינע אייגענע מדות, גם כי יזקין, אויך ווען מען ווערט עלטער...** (שפת"ק אמור)

## די חילוק פון הנני נותן לו את בריתי שלום, און והיתה לו ולזרעו אחריו ברית כהונת עולם

לכן אמור הנני נותן לו את בריתי שלום, והיתה לו ולזרעו אחריו ברית כהונת עולם.

זענען די מפרשים מדייק פארוואס די פסוק זאגט הנני נותן לו את בריתי שלום, און נאכדעם זאגט די פסוק והיתה לו ולזרעו אחריו ברית כהונת עולם, עס איז משמע פון דעם אז דער אייבערשטער האט געגעבן פאר אהרן צוויי עקסטערע מתנות, ברית שלום, און ברית כהונה, אויך איז שווער אז קודם שטייט נאר הנני נותן לו, און נאכדעם שטייט לו ולזרעו אחריו.

קען מען דאס מבאר זיין לויט ווי חז"ל זאגן (אבות ד' ב') שכר מצוה מצוה ושכר עבירה עבירה, זענען די מפרשים מפרש, אז ווען א מענטש איז זיך מוסר נפש צו מקיים זיין א מצוה איז ער מקבל א כח מיוחד און א סייעתא דשמיא, אז ער זאל קענען שטענדיג מקיים זיין די מצוה, ווייל פון די מעשה המצוה ווערט באשאפן א מלאך קדוש, וואס צוהעט אים אלץ צו מקיים זיין די מצוה, און דאס מיינט שכר מצוה מצוה, אז די שכר וואס ער איז מקבל פאר'ן מקיים זיין די מצוה איז אז ער זאל אייביג קענען מקיים זיין די מצוה, און אזוי אויך איז שכר עבירה עבירה, אז ווען א מענטש איז עובר אויף אן עבירה, ווערט באשאפן א מלאך רע, וואס דאס איז א כח הקליפה וואס צוהעט אים אלץ צו טון די עבירה, ביז ער טוט תשובה און ער הרג'ט דעם כח הקליפה.

פארדעם ווען פנחס האט זיך מוסר נפש געווען און מקנא געווען קנאת ה', צו מכניע זיין דעם כח הקליפה פונעם פגם הברית, וואס אידישע קינדער זענען דעמאלטס געווען נפרץ אין דעם, האט ער דעמאלטס מקבל געווען א שכר, אז ער זאל אלץ קענען מקנא זיין קנאת ה' ביי דעם מדה, וואס דאס איז דורך דעם וואס ער איז געווארן דעמאלטס די מלאך הברית, אזוי ווי עס איז מבואר אין תרגום יונתן, און מען האט אים געגעבן רשות צו קומען צו יעדן ברית, און ארייינברענגען אינעם רך הנימול א ניצוץ קדוש פון אים, וואס דער ניצוץ גיבט אים די כח זיך צו פירן בקדושה כל ימי חייו.

## דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דבי רב - באדיש

און דאס איז מרומז אין די כפל הלשון אינעם פסוק, ותחשב לו לצדקה לדור ודור עד עולם, "לדור ודור" גייט ארויף אויף דעם וואס ער האט באקומען מתנות כהונה, וואס אויף דעם איז שייך די לשון לדור ודור, ווייל די כהונה ווערט נמשך מדור לדור, און דאס וואס דער פסוק זאגט "עד עולם", איז מרומז אויף די אנדערע מתנה וואס ער אליין האט באקומען, אז ער וועט זוכה זיין צו ממשיך זיין מיט זיין עבודה, צו היטן אידישע קינדער פונעם פגם הברית, דורך די ניצוץ וואס ער לייגט אריין אינעם קינד בשעת'ן ברית.

און מיט דעם וועט מען פארשטיין אויך די פסוק אנהייב פרשה, אז דאס וואס דער פסוק זאגט הנני נותן לו את "בריתי" שלום, איז מרומז אויף די מתנה וואס ער אליין האט באקומען, צו זיין די מלאך הברית, און פארדעם שטייט דארטן הנני נותן "לו", און עס שטייט נישט לו ולזרעו אחריו, איז דאס וואס דער פסוק זאגט נאכדעם והיתה לו ולזרעו אחריו ברית כהונת עולם, גייט ארויף אויף די אנדערע מתנה וואס דאס איז די מתנת הכהונה, וואס איז נמשך געווארן לו ולזרעו אחריו, מדור לדור.

(עבו"ע פתג"ק)

המשך מע' א

בלשון מסירה, ומסרה ליהושע, והיל"ל ויהושע קיבלה ממשה, אלא התנאי בא ללמד בזה כי כל כחו של יהושע היה, מה שמשה מסר לו את כח קדושתו והסמיכו להנהיג את ישראל.

(דב"ק ויל"ך)

# תוכן דברות קודש

אשר השמיע מאלופנו ומדריכנו

# כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

## לתלמידיו החביבים תלמידי ישיבה גדולה אור החיים

שבת קרח תשפ"ו - אצל שבת התרוממות בני חביבי

במשך השבת התרוממות "בני חביבי", אשר היתה כיומא אריכתא של רגעים נעלים של התרוממות והתעלות, זכו תלמידי הישיבה לשהות במחיצת הקודש של כ"ק מרן רבינו שליט"א בקירבה יתירה, ולקבל שפע רב, דברי חיזוק התעוררות והדרכה בכל מכמני עבודת ה'.

במיוחד בעת הסעודות שבת, ישב רבינו שליט"א עם התלמידים שעה ארוכה, והשמיע לפניהם דברות קודש, כשהוא מאיר את עיניהם ביסודות האיתנים, מתוך אהבה וחיבה מיוחדת. וביתר שאת היתה סעודת רעוא דרעוין, שבה האריך רבינו שליט"א בדברי תורה והתעוררות, כשהלבבות פתוחים לקבל את השפע הרוחני שנשפע באותן שעות נעלות.

ולמען יעמדו הדברים לזכרון עולם, הננו מביאים בזה בקיצור נמרץ את עיקרי תוכן דברות קודש שנשמעו במשך השבת, ומן הראוי לציין, כי הדברים שלהלן אינם אלא ראשי פרקים ותמצית מן הדברים, שכן רוחב היריעה ועומק התוכן שנאמרו במשך השבת אינם ניתנים להעלאה על הכתב במילואם.

## דרשת הכנה לשבת אחר אמירת שיר השירים

פתח רבינו שליט"א בביאור גודל מעלת יום השבת, אשר בכל שבת ושבת מתגלים אורות חדשים שלא האירו מעולם, והם הנותנים כח וחיות חדשה לנשמת האדם להתעלות בעבודת ה', וזהו שאמרו חז"ל: "מתנה טובה יש לי בבית גנזי ושבת שמה", שאור קדושתה של כל שבת גנוז ונעלם עד בואה, ובשבת הקודמת עדיין לא נתגלה אור השבת הבאה.

עמד רבינו על מעלת האחדות הנשגבה, כאשר מתאספים יחדיו בני החבורה לשבות כאיש אחד בלב אחד בשבת אחים, ומתוך כך זוכים להשראת השכינה ולריבוי אהבה ואחוה.

הביא מדברי הספרים הקדושים, כי מלחמה תמידית ניטשת בין הגוף לנשמה, הנשמה משתוקקת תמיד להתקרב אל בוראה, ואילו הגוף מושך את האדם אחר ענייני הגשמיות. זה היה שורש טעותו של קרח, שביקש להעמיק את הפירוד בין הגוף לנשמה ולהנציח את המחלוקת. אולם קדושת השבת עניינה היא שלום ושלימות, שהרי מענגים בה גם את הגוף, וכאשר הגוף מתענג ושמח בקדושת השבת, נעשה שלום בינו לבין הנשמה, ואז זוכה האדם לעבוד את קונו בשלימות מתוך אחדות פנימית.

בסיום דבריו עורר רבינו שליט"א על גודל קדושת השבת, וסיפר המעשה הידוע שהרה"ק בעל באר מים חיים השפיע השגת קדושת שבת גם על איש פשוט מאוד, ובזה קרא רבינו לכל תלמידי הישיבה להתחזק בלימוד ספר הק' "סידורו של שבת" ולקבל על עצמם לעסוק בו בקביעות, כדי לחיות את קדושת השבת, להחדירה אל הלב ולהפכה לחלק בלתי נפרד מעולמם הרוחני.

*

## סעודתא דחקל תפוחין קדישין

עמד רבינו שליט"א על דברי פרשת השבוע המלמדים את גודל ההשפעה שיש לסביבתו של האדם, וכמאמר חז"ל: "אוי לרשע ואוי לשכנו", חובה על כל אדם להישמר מלהתחבר לחברה שאינה ראויה, העלולה להשפיע עליו לרעה חלילה, וכדברי הרמב"ם, שטבע האדם להימשך בדעותיו ובמעשיו אחר רעיו וחבריו, ולפיכך עליו להתחבר לצדיקים ולישב אצל החכמים ולהתרחק מן הרשעים ההולכים בחושך.

ומאידך גיסא, הדגיש רבינו את ה"מידה טובה מרובה", עד כמה גדולה מעלת ההתחברות לצדיקים ולאנשים יראי שמים, שעליהם נאמר "טוב לצדיק טוב לשכנו", והקרבה אליהם מרוממת את האדם ומסייעת

לו לעלות מעלה מעלה במדרגות עבודת ה'.

לבאר ענין זה המשיל רבינו לשני שותפים העומדים לסיים עיסקא גדולה, שנוהגים לערוך יחד סעודה, שעל ידה מתחזק הקשר ביניהם. כך גם כאשר יושבים תלמידי הישיבה, הקרויים בנים, לסעוד יחד סעודת שבת מתוך קדושה ואחדות, בישיבה הקדושה אשר יסדה רבינו הקדוש זי"ע, עי"ז מתהדק הקשר לבין רבינו הקדוש, וזוכים להתקרבות פנימית אליו.

עוד הביא רבינו מדברי הרה"ק רבי ר' אלימלך מליזענסק זי"ע בביאור הפסוק "לא חמור אחד מהם נשאתי", שמשה רבינו לא היה יכול להשפיע עליהם כל עוד לא קיבל מהם דבר. מכאן למדנו שכדי שהצדיק יוכל להמשיך שפע, ברכות וישועות, צריך שתהיה תחילה בחינת "קבלה" מצד האדם.

בקשר זה הזכיר רבינו את המעשה עם הרה"ק רבי צבי הירש מליסקא זי"ע אשר בתחילה לא רצה לקבל את הפדיון מתלמידו הרה"ק רבי ישעי'לע מ'קערעסטיר זי"ע, אולם רבי ישעי'לע הסביר לרבו, שכדי שהצדיק יוכל להמשיך ישועות והשפעות ולהעלותו במעלות הקדושה, עליו לקבל תחילה איזה דבר מה, שכן על ידי הלקיחה נפתח הצינור להמשכת ההשפעה.

מכאן למד רבינו על גודל הזכות של תלמידי הישיבה בהיכלא דמלכא של רבינו הקדוש זי"ע, אשר גורמין נחת רוח עצומה לצדיק בעולם העליון, ובזכות נחת רוח זו מוסיף הוא להעתיר בעדם ולהשפיע עליהם שפע ברכה והצלחה, וכל טוב ברוחניות ובגשמיות.

*

## שבת אחים - ליל שבת

סיפר רבינו שליט"א מעשה נפלא בהרה"ק בעל באר מנחם זצ"ל, חתנו של רבינו השרף זי"ע.

המעשה אירע כאשר בא יהודי אל הבאר מנחם בליל פסח וביקש ישועה להיפקד בזרע של קיימא. השיב לו הבאר מנחם שאין בידו להבטיח ישועה אלא אם כן תסכים לכך הרבנית, בתו של רבינו השרף זי"ע, אשר בזכות אבותיה הקדושים עומדת לה מעלה מיוחדת.

מכאן למד רבינו שליט"א על גודל מעלתם של תלמידי הישיבה הקרויים בנים, אשר הם קשורים בקשר של בן אל אביו עם רבינו הקדוש זי"ע. וזכות זו פותחת שערי שמים לתלמידי הישיבה, וממשיכה עליהם שפע, סייעתא דשמיא והשפעות טובות בכל ענייניהם, ברוחניות ובגשמיות.

*

## דברי תורה והתעוררות בעת רעוא דרעוין

עמד רבינו שליט"א לבאר על כך שהמעשה של קרח היא ענין עמוק מאוד, ואין בידינו אלא ללמוד מעט מן המעט כפי השגתנו.

ביאר רבינו כי טעותו של קרח היתה, שלא הבין כי הנהגתם של משה רבינו ואהרן הכהן לא נבעה מכוח יחוס אבות בלבד, אלא בעיקר מכוח יחוס עצמו, היינו מעבודתם העצמיות. אבל קרח סבר כי מאחר שגם הוא מיוחס ונכבד, יכול הוא לטעון "מדוע תתנשאו", ולא הכיר בכך שהקב"ה בחר במי שזכה למעלתו על ידי עבודתו. כן היה גם אצל אליצפן בן עוזיאל, שזכה לגדולתו בזכות מעלתו, ולא מצד יחוסו בלבד.

לאחר מכן הביא רבינו את דברי השל"ה הקדוש, שיחוס אבות אינו רק זכות אלא גם חיוב, ככל שאדם מתייחס אחר אבות קדושים יותר, כך נדרשת ממנו עבודה גדולה יותר, וכפי שנאמר בפרשת התוכחה, "וזכרתי את בריתי יעקב", שמעלת האבות מחייבת את בניהם לילך בדרכיהם.

בהקשר זה סיפר רבינו את המעשה הידוע בהרה"ק מ'ראפשיץ זי"ע, אשר קודם שנשתדך עם משפחת צדיקים שאל מה הוא מעלת יחוס אבות. והשיבו לו, שלפעמים שני אנשים עובדים את ה' באמת, אלא שבעל יחוס אבות נשבר לבו תמיד על שאינו מגיע למדרגת אבותיו, ואילו מי שאין לו יחוס עלול להחזיק טובה לעצמו ולהרגיש שכבר הגיע לשלימות, נמצא שיחוס אבות מביא את האדם לענווה ולהכנעה.

עוד הוסיף רבינו, כי אהרן הכהן, מחמת שלא החזיק טובה לעצמו ולא התגאה במעלתו, זכה להיות כלי להמשכת חסדים גדולים על כלל ישראל.

בביאור הפסוק "בוקר ויודע ה'", אמר רבינו כי משה רבינו לא היה יכול לדבר אל לבו של קרח בעודו שקוע בשכרון הגאווה והכבוד, לפיכך אמר לו להמתין עד הבוקר - לאחר שינה, יקום לעבודת הבורא ויזכך את דעתו בכוח ההתחדשות שהקב"ה מעניק לאדם בכל בוקר, ואז אולי יוכל להבין מהו רצון ה', אלא שאצל קרח לא הועילה עצה זו, מפני שכל אותו הלילה עסק בליצנות ובדיבורי גנאי על משה רבינו, וממילא לא היה בכוחו לקום בבוקר כאדם חדש.

וזהו משמעות הפסוק "בוקר ויודע ה' את אשר לו", מי שמנצל אשמורת ה'בוקר' כדבעי, אזי 'ויודע את אשר לו', הקב"ה מכיר בו ומקרבו אליו, בהיותו עבד נאמן לו.

כאן פנה רבינו לעורר את תלמידי הישיבה על גודל מעלת ההשכמה לעבודת הבורא, ולהיזהר בסדרי השינה, שכן ההשכמה מתחילה כבר מן הלילה, וכל תלמיד צריך לנצל את שעות הבוקר ללימוד גפ"ת וספרי חסידות, ובכך יזכה האדם להיות בכלל "ויודע ה' את אשר לו", שהקב"ה מכיר בו כעבדו הנאמן.

וסיים רבינו, כי על כל אדם לחיות תמיד עם מאמר חז"ל: "מתי יגיעו מעשי למעשי אבותי", לשאוף לקיים את מורשת האבות הקדושים ולהתעלות בעבודת ה' מעלה מעלה. ואף אם אין האדם זוכה להגיע למדרגתם, הרי שגם נגיעה כל שהוא במעשיהם ובדרכיהם היא מעלה גדולה עד מאוד.

וכדרך שמצינו בדין מי גשמים, שאף נגיעת השקה קלה של מי גשמים מכשירה בור גדול של מים, אף שאין המים מתערבים כולם בפועל, כך גם כל נגיעה והתקשרות בדרכי האבות הקדושים פועלת את רישומה בנפש האדם, ומרוממת אותו בעבודת ה'.

# א תורה אויף די פרשה

## בני גד למשפחתם לצפון וכו' לחגי וכו' לשוני.

עס איז דא דריי זאכן וואס בשעת מען גיבט צדקה פאר אן ארימאן דארף מען אויף דעם אכטונג געבן.

1) מען דארף געבן בסתר, כדי דער ארימאן זאל זיך נישט שעמען, 2) מען דארף געבן בשמחה פרייליכערהייט, - אויף דעם האט דער הייליגער רבי ר' מענדל'ע מרימנוב זי"ע געזאגט אז ווען דעם מאכט מען נישט קיין ברכה אויף די מצוה פון געבן צדקה, ווייל רוב מענטשן טוהן דאס נישט מיט שמחה, 3) מען דארף געבן אפילו הונדערט מאל, אפילו מען האט שוין געגעבן איינמאל דארף מען געבן נאכאמאל און נאכאמאל.

דאס לערנט אונז דא די תורה הקדושה, בני ג"ד ר"ת ג'ומל ד'לים, דאס מיינט ווען איינער גיבט צדקה, דארף עס זיין "לצפון" באהאלטן, "לחגי" א לשון פון חג א יום טוב - בשמחה, "לשוני" איז א לשון פון איבער חזר'ן, מען דערף געבן איינמאל און נאכאמאל.

(מאור ושמש)

# א ווארט צום שבת טיש

געקליבענע תורות און מעשיות נאכצוזאגן ביים שבת טיש

## לאזני משפחת האזני.

אומר אני שזו משפחת אצבון ואיני יודע למה לא נקראת משפחתו על שמו. (רש"י הק')

מ'קען זאגן אז די צוויי נעמען "אזני און אצבון" האבן א שייכות.

אזני איז א לשון פון א אויער, און אצבון איז א לשון פון א פינגער, די גמרא זאגט (כתובות ה:) פארוואס זענען די פינגערס פון א מענטש שפיציג, כדי אז אויב א מענטש זאגט א זאך וואס מ'טאר נישט הערן, זאל מען זיך קענען פארשטאפן די אויערן מיט די שפיץ פינגער, פון דא זעהן מיר אז אצבע האט א שטארקער שייכות מיט אוזן, פארשטייט מען שוין פארוואס די תורה נוצט די נאמען אזני (אויער) אנשטאט אצבון (פינגער).

(של"ה הקדוש)

## ויקרב משה את משפטן אל ה'.

איז דאך שווער, משה רבינו האט דאך געזאגט פאר די אידן והדבר אשר יקשה מכם תקריבון אלי, אז יעדע שווערע דין תורה זאל מען אים פרעגן און ער וועט דאס פסק'נען, אויב אזוי פארוואס האט משה רבינו דא געדארפט פרעגן פון אויבערשטן. נאר, ווייל משה רבינו האט זיך געהאלטן זייער קליין, אזוי ווי עס שטייט "והאיש משה עניו מאוד", און ווען ער האט געהערט פון די בנות צלפחד די ווערטער והוא לא היה בעדת קרח, אז זיי ווילן אים זאגן אז זייער טאטע האט זיך נישט געקריגט מיט משה רבינו, כדי משה רבינו זאל פסק'ענען גוט פאר זיי, האט משה רבינו געטראכט אז אפשר איז עס דברי שוחד, און ער וועט נישט קענען ריכטיג פסק'נען זייער שאלה. דעריבער האט ער געזאגט: ויקרב משה את משפטן אל ה', דער אויבערשטער וועט דאס פסק'ענען.

(ארץ החיים)

## יפקוד ה' אלוקי הרוחות וגו' אשר יצא לפניהם ואשר יבא לפניהם ואשר יוציאם ואשר יביאם ולא תהיה עדת ה' כצאן אשר אין להם רעה.

א געוועינדליכע פאסטוך איז געטריי צו זיינע שעפעלעך נאר צוליב זיינע אינטערעסע, אבער אויב עס וועט זיך מאכן אז די שעפעלעך זאלן זיין אין א סכנה, וועט ער שנעל אוועקלויפן אז ער זאל נישט געשעדיגט ווערן. אבער משה רבינו דער געטרייער פאסטוך איז נישט אזוי געווען, אויב זיי זענען געווען אין א צרה איז ער נישט אנטלאפן נאר ער האט זיך איינגעשטעלט דאס לעבן פאר די יודישע שעפעלעך, כאטש אז ער שטעלט זיך אין א סכנה.

דאס זאגט משה רבינו צום אייבערשטן, יפקוד ה' אלוקי הרוחות וגו' אשר יצא לפניהם ואשר יבא לפניהם, דאס מיינט איינער וואס זאל גיין און קומען "לפניהם" ער לויפט צו זיי און אין עת צרה, נישט אז ער לויפט אוועק פון זיי כדי אז עס זאל גארנישט פאסירן צו איהם.

(כתב סופר)


מזלא טבא גדיא יאה

תלמוד תורה עבודת משולם פייש טאהש מאנסי יצ"ו

ויתנו ידידים זמירות שירות ותשבחות

ברגשי גיל וחדוה, ובאותות אהבה וחיבה, משגרים אנו את ברכותינו החמות והלבביות, למעלת כבוד ידידינו עוז, היקר והחשוב הנכבד והנעלה, מוכתר בכל מדה ומעלה, צנתרא דדהבא, מרגניתא טבא, משליך נפשו מנגד לטובת מוסדותינו הקדושים, יקר רוח נדובה ורב תבונות, איש האשכולות, נוח לשמים ולבריות, שמו הטוב משבחים ומפארים, בהילולים ותוארים, כש"ת ה"ה

ידידינו עוז הרבני הנגיד הנכבד והמפואר

הר"ר

משולם זלמן בעק

שליט"א

מחשובי הורי מוסדותינו הקדושים

ומגדולי תומכי מוסדותינו הק'

לרגל שמחת אירוסי בתו למז"ט

עב"ג החתן המופלג בתויר"ש כמר מנשה שליט"א

בן הגה"צ ר' חיים אלי' פאללאק שליט"א אב"ד דובענקא

ובהאי שעתא שפתינו לא נכלא רב תודה על נדבותיו הטוב

ברוח נדובה לטובת מוסדותינו הקדושים המתנוסס לתפארה

ואנו תפלה לנורא עלילה, הרחמן הוא יברך אותו שיזכו לדוות מכל יוצ"ח מלא חפנים נחת, ולראות בנים ובני בנים נטעי נאמנים, והי' כעץ שתיל על פלגי מים, וכל אשר יעשה יצליח, וימלא ה' כל משאלות לבו לטובה, להתברך בברכה משולשת בתורה, עדי יעמוד הכהן לאורים, בביאת משיח הולך תמים בעגלא ובזמן קריב אמן,

המברכים מתוך אהבה וחיבה: הנהלת המוסדות



טאהש קאפעליע

ובמקהלות רבבות, יחד כולם הודו בשירי ידידות, בקול נעים ארנן בזמירות, אמע"כ חברינו, מזמור שיר למנצח בנגינות, שמך אכבד בשירי ידידות, מלא מדע וחכמה בתורה ובעבודה ובחסידות, מכבד את ה' מגרונם בתמידות, בקול רם ובתוף וכנור יזמרו זמירות, הלא הוא

מוה"ר אלי' סג"ל קרויס הי"ו

לרגל הולדת בתו למז"ט

יקום פרקן מן שמיא, שתזכו לראות בנים ובני בנים עוסקין בתורה ובמצוות לשמה, וישפע להם משמי מעל רב חיי"א ורב חינ"א ורב חסד"א ברוב סייעתא דשמיא ואך טוב וחסד עדי נזכה בקרוב שיולכינו כ"ק מרן רבינו שליט"א לקראת משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.

המברכים: חברי מקהלות המנגנים

# זהירות אין די דריי וואכן

## זהירות ביים גיין

### נישט גיין אליין

עס ווערט געפסקנ'ט אין שלחן ערוך, אז אין די דריי וואכן פון שבעה עשר בתמוז ביז נאך תשעה באב, זאל מען אכטונג געבן, נישט צו גיין אליין, דארט ווי מענטשן געפונען זיך נישט, פון סוף פערדע שעה פון טאג (ארום 10:30 פארמיטאג), ביז סוף ניינטע שעה פון טאג (ארום 4:30 נאכמיטאג), ווייל אין די צייט איז דא א שליטה פון א שד וואס הייסט "קטב מרירי".

טייל פוסקים שרייבן, אז די קפידא איז נאר אינדרויסן פון שטאט, דארט ווי עס דרייען זיך נישט קיין מענטשן, און מען הערט נישט קיין קול פון מענטשן, אבער דארט ווי עס דרייען זיך מענטשן, אדער מען הערט א קול פון מענטשן, איז נישטא קיין שום קפידא.

# ביאור הלכה

הלכות וביאורים מתוך ספרי בית נאמן בישראל
אשר עדיין לא ראו אור הדפוס
מאת הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א

**באמערקונג**

ווען מען וויל ארויס גיין אין א בית החיים, וואס איז אינדרויסן פון שטאט, קען זיך מאכן אז קיינער זאל נישט זיין אין בית החיים, צי אפילו אין די וועג צום בית החיים, דעריבער זאל מען נישט גיין אליין.

### שפאצירן אין די פעלדער

רבי חיים פאלאגי זצ"ל שרייבט, אז ביי זיי אין שטאט, האט מען געמאכט א תקנה מיטן כח התורה הקדושה, אז אין די דריי וואכן זאל קיינער נישט גיין שפאצירן אין די פעלדער און אין די פרדסים, און נישט גיין שפאצירן לעבן ים אדער טייך, און ווער עס וועט עובר זיין דערויף, וועט ווערן געשטראפט לויט ווי דער בית דין וועט אים באשטראפן.

### גיין צווישן די זון אין שאטן

אויך שרייבן די פוסקים, אז מען זאל אכטונג געבן נישט צו גיין אין די אויבענדערמאנטע שעות, צווישן די זון און די שאטן, דאס מיינט ביי די גרעניץ ווי די שיין פון די שאטן ענדיגט זיך, און די זון שיינט דארט, ווייל עס איז דא א שד מיטן נאמען "קטב מרירי" וואס איז נישט שולט אינטערן זין, און נישט אונטערן שאטן, ער איז שולט נאר ביי די גרענעץ וואס איז צווישן די זין און די שאטן, און ער איז שולט פון שבעה עשר בתמוז ביז תשעה באב (מ"ב סימן תקכ"ט ס"ק ק"ב בשם האליהו רבה).

עס זענען דא וואס האלטן אז מען דארף נישט חושש זיין דערויף, ווייל די גמרא זאגט (פסחים קי"ב ע"ב) אז אביי האט מבטל געווען דעם שד פון קטב מרירי (טורי אבן חגיגה דף ג' ע"ב), אבער דער רמ"א (יו"ד סי' קע"ז ס"ה) האלט אז אויך היינטיגע צייטן זאל מען חושש זיין (ועיין שו"ע הרב הל' שמירת הגוף והנפש סימן י' קונ"א אות א').

## זהירות ביים שווימען

### שווימען אין א טייך

עס ווערט געברענגט אין די פוסקים, אז מען זאל זיך נישט גיין וואשן, און נישט גיין שווימען אין א טייך אין די טעג, ווייל עס איז א מקום סכנה, און די צייט איז נישט מסוגל דערפאר.

ליידער האבן כלל ישראל שוין פארלוירן אסאך קרבנות במשך די לעצטע יארן אין די ווילדע וואסערן, דורכן שווימען אין די טייכן אין די דריי וואכן ה' ישמרנו, והחכם עיניו בראשו.

### שווימען אין א סווימינג פאל



אין די דריי וואכן, ביז די ניין טעג, מעג מען שווימען אין א סווימינג פאל, און אפילו ווער עס האט נאך נישט אנגעהויבן צו שווימען פאר די דריי וואכן, מעג אנהייבן צו שווימען.

## שווימען שבעה עשר בתמוז

אין שבעה עשר בתמוז, זאל מען בכלל נישט שווימען אפילו אין א סווימינג פאל.

## זהירותביים פארן מיט אן עראפלאן

עס איז א קלער אין די אחרונים צי מען מעג פארן מיט אן עראפלאן אין די דריי וואכן, למעשה פירט מען זיך מקיל צו זיין ווען מען דארף ערגעץ פארן מיט א עראפלאן, אבער פארן סתם נאר פאר א פארגעניגען זענען דא מחמירים (הליכות אבן ישראל עמוד שמ"ו ושמ"ז).

אויך זענען דא מחמירים נישט צו שיפלען מיט א קליינע שיף אין א גרויסע וואסער, ווייל עס קען חלילה זיין א סכנה.

## זהירות ביי מאכן א אפארציע

### מאכן אן אפאראציע (אפערעישן)

עס זענען דא פוסקים וואס שרייבן אז עס איז כדאי זיך צו פארמיידן צו מאכן א ערנסטע אפאראציע אין די דריי וואכן, אויב עס איז וויכטיג און מען קען נישט ווארטן, זאל מען דאס מאכן אויב מעגליך אינדערפרי ביז די פערטע שעה פון טאג (ד.מ. ביז ארום 10:30 א זייגער), אדער פון נאך די ניינטע שעה פון טאג (ד.מ. פון נאך ארום 4:30 אזייגער נאכמיטאג).

## זהירות ביי קינדער

### ביים שפילן

עס ווערט געברענגט אז מען זאל אכטונג געבן אויף די קינדער אז זיי זאלן זיך נישט שפילן מיט ווילדע זאכן, ווי ווארפן זאכן איינער אויפן צווייטן, אדער גיין אין פלעצער וואס איז א סכנה א.ד.ג..

### ביים שלאגן

עס ווערט געפסקנ'ט אין שלחן ערוך, אז א מלמד זאל נישט שלאגן זיינע תלמידים אין די טעג.

דאס זעלבע איז אז עלטערן זאלן נישט שלאגן זייער קינד, און אודאי אז מען זאל זיך נישט שלאגן איינער מיטן אנדערן אין די טעג.

אין מדרש שטייט אז אפילו מיט א פאסיק זאל מען נישט שלאגן, און אודאי נישט מיט די הענט, אדער א שטעקן.

דער פרי מגדים שרייבט אז די קפידא איז אפילו נאר א קליין קלאפ.

עס איז דא ווער עס שרייבט, אז די קפידא איז נאר דארט ווי עס איז נישטא קיין מזוזה.

טייל שרייבן אז די קפידא איז א גאנצן טאג, און טייל שרייבן אז די קפידא איז נאר פון סוף די פערדע שעה פון טאג, ביז די ניינטע שעה פון טאג.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל מקוים ווערן והימים האלו יתהפכו לששון ולשמחה, און עס זאל מקוים ווערן "אך" טוב וחסד ירדפונו כל ימי חיינו, אז די איין און צוואנציג טעג פון די ימי בין המצרים, זאלן נתהפך אויף ימים טובים באיתגליא, און מיר זאלן זוכה זיין בקרוב צו זען די ליכטיגקייט פון די טעג, בהתגלות כבוד שמים עלינו בב"א.



המשך משבוע העבר

## פרק ט

## עפענען פאפירענע כלים

### סעיף א

**פאפירענע פלעשלעך פון מילך, אדער "קריעם" [HEAVY CREAM] א.ד.ג.**

פלעשלעך וועלכע קומען אפט מאל אן אין געשעפט נאך אינעם זעלבן טאג ווי עס איז פארמאכט געווארן (אזוי ווי די מילך פלעשער אין קאנאדא פון די קאמפאני "מהדרין" - וואס לויט ווי דער בעה"ב פון די קאמפאני זאגט קומט עס נאך אסאך מאל אן אין געשעפט דעם זעלבן טאג) **מעג מען לכתחילה עפענען אפי' אום שבת** (זעה פרק ד' סעיף ד').

**פלעשלעך וועלכע קומען נישט אן אין געשעפט אינעם זעלבן טאג, אבער עס קומט נאך אן אין געשעפט אין די ערשטע פאר טעג נאכן פארמאכן** (אזוי ווי די מילך פלעשלעך אין אמעריקא)**, זאל מען לכתחילה נישט עפענען שבת, אבער אויב עס פעלט אויס קען מען עס עפענען מיט א שינוי** (צ.ב. מיט די פארקערטע זייט פון די האנט)**, און אויב מען קען נישט מיט א שינוי מעג מען דאס עפענען דורך א קטן.**[1]



**[בילד 1] פאפירענע מילך פלעשלעך פון "מהדרין" פון קאנאדע** (וואס איז פארקלעבט אויף וויניגער ווי א טאג)



**[בילד 2] פאפירענע מילך פלעשלעך פון אמעריקא** (וואס איז פארקלעבט אויף מער ווי א טאג)

### סעיף ב

**פאפירענע פלעשלעך וועלכע קומען געווענליך אן אין געשעפט מער ווי א וואך נאכן פארמאכן,** (אזוי ווי טאפינג, קאָפי קריעמער,



[בילד 3]

1 אין פרק ד' סעיף ד' ווערט ערקלערט דער חילוק אויב עס איז געמאכט צו עפענען דעם זעלבן טאג, אדער ביז זיבן טעג, אדער מער ווי זיבן טעג.

# פתיחת כלים בשבת

בו יתברר האיך לפתוח בשבת כל מין כלי כדרכו ואופנו

נכתב ע"י הרה"ג ר' **נתן ירמי' גאלדשטיין** שליט"א בעל מח"ס מגדנות נתן

קאפי ווייטענער, א.ד.ג.).

**מען טאר נישט עפענען אויבן ווי עס איז פארקלעבט אפי' מיט א שינוי** (צוליב די איסור פון קורע, וויבאלד עס איז פארקלעבט פאר מער ווי זיבן טעג, זעה פרק ד' סעיף ד').

**עצה א:** מען קען מאכן א לאך אין די פלעשל מיט א מעסער (נישט דארט וואו עס איז פארקלעבט)**, און תיכף ארויסגיסן פונעם פלעשל די גאנצע אינהאלט** (אריין אין א פלעסטיק קאנטעינער א.ד.ג.)**, און אוועקווארפן די ליידיגע פלעשל.**[2]

**עצה ב:** (א גרינגערע עצה אז מען זאל נישט דארפן אלעס אויסגיסן) **מען זאל מאכן א לאך אויבן אדער אויף די זייט פון פלעשל, און מען גיסט ארויס וויפיל מען דארף פאר שבת** (און מען זאל מער נישט נוצן דעם לאך)**, און נאך שבת זאל מען עפענען די פלעשל געהעריג פון אויבן.**

### סעיף ג

**עפענען א באקס מאשין מצות.**



[בילד 4]

**מען טאר נישט עפענען די באקס אויף די פלאץ וואו עס איז פארקלעבט** (צוליב די איסור פון קורע).

**עצה א: מען זאל אויפשניידן די באקס פון אויבן אדער פון די זייט, און מען זאל ארויסנעמען אלע מצות** (און זיי אריינלייגן אין א בעג אדער אן אנדערע באקס) **און אוועקווארפן די באקס.**[3] **מען זאל אבער אכטונג געבן נישט אריינצושניידן אין אותיות אדער בילדער.**

**אויב די מצות ליגן אין א פלעסטיק בעג, זאל מען נישט עפענען די פלעסטיק אויף דעם פלאץ וואו עס איז פארקלעבט** (צוליב די איסור פון קורע)**, נאר מען זאל אויפשניידן די בעג נישט אויף די פלאץ וואו עס איז פארקלעבט, און ארויסנעמען אלע מצות, און אוועקווארפן די בעג.**

2 ווייל ביי אן עפענונג וואס מען נוצט נאר איינמאל איז נישט דא קיין איסור פון מאכן א "פתח" (זעה פרק ג' סעיף ג').

3 ווייל ביי אן עפענונג וואס מען נוצט נאר איינמאל איז נישט דא קיין איסור פון מאכן א "פתח" (זעה פרק ג' סעיף ג').

# מאור התורה

ציצים ופרחים על עניני הפרשה

## פינחס בן אלעזר בן אהרן הכהן

**פירש רש"י הק' לפי שהיו השבטים מבזין אותו וכו' בא הכתוב ויחסו אחר אהרן.**

עס ווערט דערציילט אז די צווי חברים הרה"ק מצאנז זי"ע מיט הרה"ק ר' שלום מקאמינקא זי"ע זענען אמאל צוזאמען געפארן קיין בעלזא אויף שבת פינחס צום הייליג'ן שר שלום זי"ע, און ווען זיי זענען אנגעקומען, האבן זיי געפרעגט דעם שר שלום אז רש"י איז מסביר אז די תורה איז מייחס פינחס צו אהרן הכהן, וויבאלד די שבטים האבן אים מבזה געווען אז ער האט דאס געטון לשם עבירה ווייל ער איז אן אייניקל פון יתרו. לכאורה איז שווער, די אידן האבן דאך געוואוסט אז ער איז א בן אחר בן פון אהרן הכהן, און פונדעסטוועגן האבן זיי אים נאכאלץ פארשעמט אז ער שטאמט אויך פון יתרו פון זיין מאמע'ס זייט, איז וואס טוט די תורה אויף מיט אים מייחס זיין אחר אהרן.

האט זיי די בעלזא רב געענטפערט מיט א מעשה וואס איז געווען ביים הייליג'ן חוזה פון לובלין זי"ע.

עס איז געווען א איד וואס האט געוואוינט אין א געוויסע דארף, און ער האט פארמאגט א קרעטשמע, און פון דעם האט ער ב"ה פארדינט שיין פרנסה, און ער האט געקענט שפייזן זיין משפחה מיט דעם, נישט ווייט פון דעם איד האט געוואוינט א גלח א שונא ישראל וואס האט נישט פארגינען אז פאר א איד גייט גוט און ער לעבט רואיג און צופרידן, האט דער גלח געשיקט א גוי און אים געהייסן צו עפענען א קרעטשמע נעבן דעם איד.

ווען דער איד האט געזען אז די גוי

המשך בע' טו






# באור הילולא

תולדות וסיפורים מצדיקים שיודה"ל חל בשבוע הבעל"ט

## הרה"ק האור לשמים מאפטא זי"ע

**דעם קומענדיגן פרייטאג מטות-מסעי, כ"ה תמוז הבעל"ט, געפאלט אויס די יומא דהילולא קדישא פונעם הייליגן אור לשמים פון אפטא, רבי מאיר בן רבי שמואל זי"ע.**

### ואלה מתולדותיו

דער אור לשמים איז געבוירן געווארן אין יאר תק"כ לפ"ק.

דער אור לשמים איז אינגערהייט ל"ע פאר'יתומ'ט געווארן פון זיין טאטע, און זיין מאמע הרבנית הצדקנית מרת מינדל ע"ה האט ארויסגעוויזן א גאר שטארקע חביבות צום אור לשמים, און פלעגט זיך שטענדיג בארימען מיט איר אינגן צדיק'ל.

אין די אינגערע יארן פלעגט דער אור לשמים זיין פון די תלמידים פון זיין גרויסן ברידער, הרה"ק רבי מרדכי מ'סטאשוב זי"ע, און ווען דער אור לשמים איז גרעסער געווארן, האט אים זיין מאמע געשיקט לערנען תורה ביים דעמאלטסדיגער חריף ובקי, ר' יצחק אברהם אבלי הכהן כ"ץ זצ"ל אבדק"ק סטאבניץ, ובעמח"ס כתר כהונה. דאס וועקשיקן דעם אור לשמים צו לערנען תורה איז געווען א ריכטיגע באשלוס פון זיין מאמע, טראצדעם וואס ער איז געווען גאר שטארק באליבט ביי זיין מאמע, אבער דערנאך איז דער אור לשמים אויסגעשטיגן א ריז אינעם עולם התורה, באקאנט מיט זיין בקיאות אין ש"ס ופוסקים, און זיין גרויסקייט אין תורת הנגלה והנסתר.

חוץ פון זיין גרויסקייט אין תורה, האט זיך דער אור לשמים אנגעקניפט אין די תורת החסידות, ווי ער פלעגט וויילן בבית מדרשו פונעם הייליגן חוזה פון לובלין זי"ע, און פון דארט קונה זיין פון צווישן אלע צדיקים תלמידי הבעל שם טוב, תורה וחסידות, דער חוזה האט זיך אמאל אנגערופן צום אור לשמים: "איך געדענק דיר נאך פון בית המקדש ווען מיר זענען געשטאנען דערנעבן און גע'דוכנ'ט."

דער אור לשמים האט געדינט ברבנות אינעם שטאט סטאבניץ און אינעם שטאט אפטא.

דער אור לשמים איז נסתלק געווארן אין טאג כ"ה תמוז תקפ"ט לפ"ק, מקום מנוחת כבודו איז אין שטאט אפטא.

זיינע הייליגע דברי תורה ומאמרים זענען געדריקט אינעם הייליגן ספר "אור לשמים".

# לוח היארצייטן



יארצייטן פון רבותינו הק' ואנשי שלומינו וואס געפאלט אין די קומענדיגע וואך

## זכר צדיקים לברכה

| | | |
|---|---|---|
| כ"ב תמוז | הרה"ק רבי שלמה בן רבי מאיר הלוי זי"ע הי"ד - מ'קארלין - שמע שלמה | תקנ"ב |
| כ"ב תמוז | הרה"ק רבי יצחק אייזיק בן רבי יהודה צבי מסטרעטין זי"ע - בעמח"ס קן צפור נכד רבינו השרף זי"ע | תש"ז |
| כ"ג תמוז | הרה"ק רבי משה בן רבי יעקב זי"ע - מ'קורדיבורו - תומר דבורה | ש"ל |
| כ"ה תמוז | הרה"ק רבי מאיר בן רבי שמואל הלוי זי"ע - מ'אפטא - אור לשמים | תקצ"א |

## זכר חסידים לברכה

| | | | |
|---|---|---|---|
| כ"א תמוז | הרב החסיד ר' מאיר משה בן ר' אליהו ע"ה שפיטצער | תש"מ | ביה"ח בקרית יואל |
| כ"ג תמוז | הרב החסיד ר' יוסף בן ר' שמואל זאנוויל ע"ה פרושינובסקי | תשע"ז | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| כ"ד תמוז | הרה"צ רבי מרדכי דוד בן רבי יוסף מאיר זצ"ל כהנא מ'ספינקא<br>בעל גדולת מרדכי | תשע"א | הר הזיתים בירושלים עיה"ק |
| כ"ד תמוז | הילד דוד מרדכי בונם בן ר' ישראל עמרם ע"ה פראמאוויטש<br>לא הניח אחריו זש"ק | תשמ"ח | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| כ"ה תמוז | האשה החשובה מרת אסתר בת ר' יצחק הכהן ע"ה מאשקאוויטש<br>אשת הרה"ח ר' נחום ע"ה | תשנ"ח | ביה"ח בקרית יואל |
| כ"ה תמוז | הרב החסיד ר' דוד קלמן בן ר' משה יהודה ע"ה סייקס<br>מחשובי מתפללי ולומדי בית מדרשינו בק"י - לא הניח אחריו זש"ק | תשפ"א | ביה"ח דעיר מאנסי |

## בשפתי צדיקים

דער הייליגער צאנזער רב זי"ע האט מעיד געווען אויפן הייליגער מאור ושמש און אויפן הייליגער "אור לשמים" אז זיי זענען געווען אזוי ווי אדם הראשון פארן חטא, און ווער עס האט נאר זיי אנגעקוקט האט געזעהן אז מען קען לעבן אן עסן און טרינקען, און זייער גאנצע חיות איז נאר געקומען פון די אור הקדושה.

אור לשמים בלייבט אין די העכערע דביקות, וואלט זיין נשמה ארויסגעפלויגן פון אים, תיכף האט דער סטאשובער זי"ע פארענדיגט זיין דאווענען און איז געלאפן אין איילעניש צום אור לשמים, און אים אויפגעוועקט פון זיין דביקות, און אזוי אים געראטעוועט זיין נשמה זאל נישט ארויספליען בעפאר די צייט.

### די שבת ליכט דערציילן וואס עס וועט זיין

עס ווערט דערציילט אז די גרויסע מדריגות פונעם אור לשמים איז געגאנגען אויף אזוי ווייט אז די שבת ליכט האבן דערציילט פארן אור לשמים וואס עס וועט פאסירן. אבער דער אור לשמים האט מתפלל געווען צום באשעפער אז מען זאל אוועקנעמען פון אים אט דער מדריגה, און פון הימל האט מען דאס טאקע צוריקגענומען.

### זכותו הגדול והקדוש יגן עלינו ועל כל ישראל אמן

*

## סיפורים ועובדות

### זיינע הייליגע מדריגות

רביה"ק זי"ע דערציילט (עבו"ע שיח"ק ח"ג קפ"ה) אז דער אור לשמים האט זוכה געווען צום זעלטענעם מדריגה, פון זיך צו קענען טובל'ן אינעם "נהר דינור".

נהר דינור איז א טייך פון די טרערן און קרעכצן פון די אידישע קינדער, און ווען די נשמות קומען אראפ פונעם אויבערשטן גן עדן צום אונטערשטן גן עדן, דארפן זיי זיך צום ערשט טובל'ן אינעם "נהר דינור".

דער אור לשמים האט אמאל געזאגט פאר זיינע תלמידים אז ער האט באקומען רשות זיך צו טובל'ן אין אט דעם נהר דינור. בשעת דעם וואס דער אור לשמים האט דאס דערציילט פאר זיינע תלמידים, איז ער איינגעשלאפן פאר צוויי שעה, ווען ער האט זיך אויפגעוועקט, האט דער אור לשמים געזאגט, אז ער קומט יעצט פונעם נהר דינור, ווי ער האט זיך יעצט געענדיגט טובל'ן.

### זיין גרויסע הייליגע עבודה

אמאל ווען דער ברידער פונעם אור לשמים הרה"ק רבי מרדכי מ'סטאשוב זי"ע האט זיך געשטעלט דאווענען, האט ער מרגיש געווען ווי דער אור לשמים שוועבט אין די העכערע עולמות, האלטענדיג אינמיטן אן א עליית נשמה און ער גייט העכער און העכער אין די עולמות עליונים, און ער קומט דארט צו צו גאר העכערע ענינים, און ער איז זיך מוסר נפש און איז זיך מבטל פאר די אייבערשטענ'ס ווענגן ממש ביז די כוחות אויף די וועלט לאזן זיך אים אויס, אזש ביז עס איז צוגעקומען אז נאך א עטליכע מינוט וואס דער

בעזהשי"ת
קהל אור החיים ד'טאהש
קרית טאהש
תע"א
נתייסדה ע"י רבינו הקוה"ט זיעועכי"י - בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

לשאלת הרבים

בעמדינו בימים אלו אשר רבים שואלים ורוצים להתכונן בהכנה דרבה לימי ההילולא קדישא הממשמשים ובאים בעזהשי"ת
לכן הננו בזה להודיע לכל הקהל הקודש אנשי שלומינו הע"י

סדר יומא דהילולא קדישא
של כ"ק מרן רבינו הקדוש זיעועכי"א
שחל ביום כ' פר' שופטים
ז"ך אב הבעל"ט

שלחן הטהור סעודת הילולא
יתקיים בעזהשי"ת
ביום א' שופטים בערב

ידיעה נחוצה

ביום א' משעה 10:00 בבוקר
עד 6:00 בערב יהיה הציון הק'
מיוחד רק לנשים

עיניהם של ישראל נשואות ליום הנשגב להיפקד בדבר ישועה ורחמים וכט"ס, ויה"ר שזכותו הגדול והקדוש יגן עלינו ועל כל ישראל להיוושע תמיד בכל מילי דמיטב עביגו"צ ומלכנו בראשנו בב"א.

הנהלת הקהלה

תלמוד
ע
משו
ד'טא
באר
מיסודו של כ"ק מרן
רבינו הקוה"ט זי"ע

# יראו עינינו וישמח

בשיר ושבח ותהלה לרוב, נשגר ברכת מזל טוב, להגיש
כבוד ידידינו, האי עושה ומעשה, ברוך הכשרון, רב פ
בכל מדה ומעלה נכונה, אוצר כלי חמדה ומאוד נעל
וטרם נקרא לו ויאמר הנני הנני בפנים מאירה, שמו ה
סגולה, במסירות בנדיבות בשמחה ובפ

**איש אמונים, יקר מפנינים, בחס**
**ובשכל טוב בעיני אלקים ואד**
**בפנים מסבירות, איש חי**

## מור

# יוסף א
# מאיר

## הי

# מנכ"ל התל

בן הרבני הנגיד מוה"ר ישראל
מחשובי אנ"ש בארא פארק שעומ

לרגל השמחה הגדולה השורה ב

# בהולדת בנ

ואילין מיליא, יהון לרקיעיא, רבון עלם ועלמיא, שיזכה
דקדושה מכל יוצ"ח זרע ברך ה', בנים ובני בנים, נטועי א
לתורה, להרחבת גבולי הקדושה, ולהמשיך בפעלו הכ
מעלה על אדני הצלחה והברכה, ע

כה דברי ידידיו, המברכים מעומק ה

# הנה

הוא הגבר אשר
בכשרונותיו
הברוכים עומד
על הפקודים
במסירת
נאמנה, שנוכל
להעמיד
התלמוד תורה
על תילה, ועוסק
בצרכי ציבור
באמונה בלב
טוב להטיב עם
ילדי התלמוד
תורה בהצנע
לכת בהשכל
ובדעת, ובטוב
לבבו עומד
ומסייע בכל מיני
אופנים בגוף
ובממון, בעצה
ובמעשה, אשרי
לו וחלקו, שכרו
הרבה מאד על
פי פעלו!

ובכן בעת שמחתו
בשם הורי
התלמוד תורה
הננו מביעים לו
מיטב ברכותינו
מעומק ליבנו

# מזל טוב!
# נחת לרוב!

## ח לבנו ותגל נפשנו

ש ולהביע מיטב ברכותינו, ברכת מזלא טבא אל מעלת
עלים בהכשר ויתרון, מוכתר בנימוסין, מופלא ומופלג
לה, מרבה להיטיב, עומד לימיננו בימין צדקו בתדירה,
הטוב הולך לפניו לשם ולתהלה, ונודע בתוך אמוני עם
נים מאירה, לו יאתה כל שבח ושירה, ה"ה

**כמה פותח שערים ודברים, בחן**
**ם איש האשכולות, רב תבונות**
**ורב פעלים, שמו מפארים**

## ה"ר

# מלימלך
# רוביץ

## י"ו

## למוד תורה

### צבי מאירוביץ הי"ו

ר תמיד למען הצלחת תלמוד תורה

במעונו, שמחה וחדוה בארמונו

# נו למזל טוב

ה לגדלו ולחנכו לתורה ולתהלה, ויזכה לראות רב נחת
אמנים, ויזכה עוד רבות בשנים להגדיל ולהרבות פעלים
בירים מתוך אושר ועושר וברכת ה' מלא, ויעלה מעלה
י נזכה לביאת מלכא משיחא, אמן.

לב מוקירי פעולתו, מעריכים כערכו

## הלה

# משאת נפשו

## באריכטן און פארשריט אין די מאסיווע קאמפיין למען מורשת צדיק – די מוסדות הק' בקרית טאהש

לקראת יומא דהילולא רבא ז"ך אב הבעל"ט

# אויסטערלישע ווארעמקייט ביי אנשי שלומינו אין שטאט וויליאמסבורג איבערראשט עסקני המוסדות מיט אומערווארטעטע גרויסע סכומים אויפגעטריבן גלייך ביים עפענונג פונעם היי-יעריגן "משאת נפשו" קאמפיין

ווי געמאלדן אין די פריערדיגע אפדעיט און באריכטן, איז דער היי-יעריגער "משאת נפשו" קאמפיין צעטיילט לויט די געגנטער, ווען יעדע וואך-צוויי קאנצענטרירט זיך דער קאמפיין-אפאראט אין אן אנדערער שטאט, וואו די עסקנים ובראשם דער לעגענדארער פאנדרעיזאר מוה"ר יצחק נחום האמבורגער הי"ו, טרייבן אויף גרויסע סכומים פאר די מוסדות הק' דקרית טאהש, משאת נפשו פון רבינו הקדוש זי"ע.

פונקט ווי געפלאנט פון פאראויס, האט זיך דער קאמפיין געעפנט אין שטאט וויליאמסבורג יצ"ו, וואו די עסקנים האבן געעפענט דעם ערשטן פאזע פונעם קאמפיין און אנגעהויבן צוזאמקלויבן ווארעמע נדבות פון אנשי שלומינו תושבי העיר.

און יא, ווידערמאל דערקענט זיך ווי דער הייליגער פייער פון רבינו הקדוש זי"ע טליעט אין די הערצער פון תלמידיו וחסידיו, ונפשם קשורה במשא"ת נפש"ו, ווען נאך אין די סאמע ערשטע טעג פון די קאמפיין, זענען די עסקנים איבערראשט געווארן פונעם אומערווארטעטן פלייץ פון נדבות וואס האט אנגעהויבן אריינשטראמען ווי נאר דער קאמפיין איז אפיציעל געלאזט געווארן אין גאנג.

כאטש וואס עס איז געווען ערווארטעט א שטארקע ווארעמקייט ביים ציבור אזוי ווי יעדעס יאר, זענען די אומגעהויערע סומעס אין נדרים ונדבות איבערגעשטיגן אלע ערווארטונגען; כלל חסידי טאהש פון די שטאט וויליאמסבורג זענען פאראייניגט, צו שטיצן דעם הייליגן רבי'נס לעבנס מיסיע, מוסדותיו הקדושים בקרית טאהש, אלס די ריכטיגע הכנה צום יומא דהילולא רבא ז"ך אב הבעל"ט.

# קאמפיין פארט ווייטער אין שוואונג אויפצוטרייבן אנ"ש תושבי בארא פארק צו זיין א חלק אינעם רבי'נס מוסדות

מיט א תפלה אויף ווייטער טרעט מען אט אט אריין אינעם צווייטן פאזע פונעם קאמפיין, ווען אנשי שלומינו תושבי בארא פארק וועלן האבן די געלעגנהייט זיך מקשר זיין במשא"ת נפש"ו פון רבינו הקדוש, און שטיצן די הייליגע מוסדות הק' אין קרית טאהש, וועלכע שיינען און בליען בנשיאות הקודש פון כ"ק מרן רבינו שליט"א, און דערמיט געניסן פון אלע השפעות טובות, און פון די מסוגל'דיגע וואונטש "ווער עס איז אונז מהנה מוז ביי אונז געהאלפן ווערן".

איבערצוגעבן אייער ברייוו

שיקט א ברייוו אויף **פאסט** 11 Van Buren Dr. #205 Monroe, NY 10950

שיקט א **פעקס** 845.610.8674

לאזט א מעסעדזש אויף **קול איחוד** 718.451.8674 Ext. 841

ווייבאלד עס נעמט צייט צו מגיה זיין די ברייוו אין דעם אפטיילונג כראוי, ביטע אנטשולדיגן אויב זעהט איר נאך נישט גלייך אייער מעסעדזש אדער ברייוו אינעם מדור.


## לכבוד די חשוב'ע מערכת באור החיים שע"י האיחוד.

קודם א גרויסן יישר כח פאר די הערליכע גליון, איך האב גאר שטארק הנאה פון דעם יעדע וואך עקסטער, ממש די שבת איז אינגאנצן אנדערש מיט די הערליכע רייכע גליון.

איך האב געזען אינעם גליון פאריגע וואך, ווי איך האט געשריבן אין די מאמר "הליכות הלוי", איבער די הייליגע עבודה פון רביה"ק זי"ע מיט די שלאפן, וויאזוי ער האט זיך געריסן מיטן גוף, און געשלאפן קוים, און צומאל געכאפט א קורצע דרימל פון קוים עטליכע מינוטן, און שוין זיך געריסן אויפצושטיין, און ווען עס האט אויסגעפעלט האט ער געבעטן מען זאל אים געבן א שפריץ אן מיט אביסל וואסער, האב איך געטראכט מיטצוטיילן פארן ציבור א בילד פון א צעטעלע וואס ליגט ביי מיר אין באזיץ, ווי רביה"ק זי"ע בעט, אז מען זאל אים אויפוועקן נאך 10 מינוט.

אויב מען קען עס ביטע אריינלייגן אינעם גליון, א גרויסן יישר כח.



הצלחה וברכה אין אלע אייערע פעולות לטובה, חזקו ואמצו תחזקנה ידכם, וזכות רביה"ק זי"ע תגן עליכם.

המשך מע' ט

נעמט אים אוועק די פרנסה, און די קונים הייבן אן גיין צו דעם גוי, איז ער שנעל אריבערגעלאפן צום הייליגן חוזה פון לובלין זי"ע און זיך אויסגעוויינט דאס הארץ און געבעטן פאר א ישועה, האט אים דער הייליגער חוזה זי"ע אנגעוואונטשן אז דער גוי וועט האבן א מפלה, און די אלע קונים וועלן צוריק קומען צו דעם איד, און פארשטייט זיך אז ביז אפאר טעג איז דער גוי געשטארבן.

דער גלח האט זיך נישט דערשראקן, און ער האט געשיקט א צווייטע גוי זאל פירן די קרעטשמע, און ווען דער איד האט דאס געזען איז ער צוריק געלאפן צום הייליגן חוזה, און אים דערציילט וואס עס איז געשען, האט אים די חוזה געזאגט אז איך קען מתפלל זיין זאלסט האבן א ישועה, אבער נישט אויף די זעלבע וועג ווי אזוי די ישועה איז געקומען פאריגע מאל, און די חוזה האט פארציילט אז פאריגע מאל נאכדעם וואס די גוי איז געשטארבן, איז געקומען צו מיר א רוח מיט צוויי אויסגעלאשענע לעכט אין די האנט, און ער האט מיר געפרעגט "פארוואס האסטו אויסגעלאשן די צוויי לעכט", ביז דא האט בעלזא רב פארציילט פאר די צוויי הייליגע צדיקים.

נאכ'ן אוועקגיין פונעם הייליג'ן שר שלום האבן זיך די צוויי צדיקים צוזאמען געזעצט צו פארשטיין וואס די תירוץ פון בעלזא רב איז געווען, און זיי זענען צוגעקומען אז די צוויי אויסגעלאשענע לעכט זענען געווען ערליכע נשמות וואס האבן געדארפט ארויסקומען פון די געשטארבענע גוי, און די חוזה האט זיי אפגעהאלטן פון קומען דורך הרג'ענען די גוי.

לויט דעם פארשטייט מען די רש"י, די שבטים האבן פארשעמט פינחס אז די מעשה איז געקומען פון די מדות רעות פון זיין מאמע'ס זייט, קומט די תורה זאגן אז די מעשה איז געקומען פון די קנאות און מדות טובות פון זיין טאטע'ס זייט, און דאס אז ער איז אן אייניקל פון יתרו מיינט נישט אז ער האט מדות גרועות, נאר ער איז א ניצוץ טוב וואס איז געווען אין יתרו, אזוי ווי די צוויי לעכט.




**יב.** גם אמר אז את הי"ג עיקרים להרמב"ם [יג] אני מאמין וכו', וכן הורה בשיחותיו לתלמידים יז).

### סימן ב'

## ענייני נטילת ידים שחרית

### חובת הכנת המים לנטילה

**א.** היה מעורר על חובת הכנת נטילת ידים שחרית א) סמוך למיטה ב), ועמד על המשמר [א] אם התלמידים נזהרים בזה (א). וסיפר

#### מעיינות הלוי

**יז)** ראה במעיינות הלוי להלן (סי' כג סעיף יט).

**סימן ב**

**א)** כתב בשו"ע (סי' ד ס"א), ירחץ ידיו ויברך על נטילת ידים. ובס"ב כתב וז"ל, ידקדק לערות עליהם מים ג' פעמים, והטעם להעביר רוח רעה ששורה עליהן.

ובפמ"ג (א"א סק"א) הביא עוד שני טעמים, להרא"ש (ברכות פ"ט סי' כג) לפי שידים של אדם עסקניות הן, ואי אפשר שלא נגע בבשר המטונף בלילה. ולהרשב"א (שו"ת ח"א סי' קצא) משום דבבוקר אנו נעשים כבריה חדשה, ולכן תיקנו בשחר להתקדש בקדושתו וליטול ידינו מן הכלי ככהן שמקדש ידיו מן הכיור קודם עבודתו.

ובסעיף ג' כתב השו"ע, לא יגע בידו קודם נטילה, לפה ולא לחוטם ולא לאזנים ולא לעינים.

#### עבודת הלוי

**סימן ב'**

**(א)** לעתים כשעבר באישון ליל בין השעות אחת ושתים מהיכל הישיבה לעבר ביתו שבבנין הישיבה, היה דרכו לבא לבקר בחדרי השינה של הבחורים לראות התנהגותם, ואז בדק אםאיזה בחור לא שכח להכין ספל וקערה נטילת ידים. וכשראה שלא הכין היה מכין לו.

לפעמים הגיע לבקר בבוקר, ואם ראה בחור שהשאיר את הכלי עם

#### בארות הלוי

**[יג]** נאך א עצה ווי אזוי א יוד קען אויפוועקן דאס פינטעלע אמונה וואס ליגט אין אים, איז דורכן חזר'ן דאס, ווי צדיקים טייטשן דעם פסוק (תהלים לז, ג) 'ורעה אמונה', מ'ברויך צו ווידן אמונה, אזוי ווי ווען מ'וייד (פאשעט) שאף, ברויך מען זיך כסדר אפגעבן מיט זיי, ס'איז נישט גענוג איין מאל, מ'דארף נאכאמאל און נאכאמאל זעהן וואס זיי דארפן, אזוי דארף מען כסדר ווידן די אמונה, חזר'ן די אמונה.

ס'שטייט פון רבין רבי פנחס'ל מקאריץ זי"ע, אז ווען מ'מאכט אויף די אויגן צופרי, זאל מען די ערשטע זאך די אני מאמין'ס זאגן, נאך פאר ברכת התורה אפילו, און מ'קען די אני מאמינ'ס זאגן, אפילו אפאר מאל א טאג, ווייל מ'דארף שטענדיג אויפוועקן דעם כח האמונה, דער מענטש זאל חזר'ן איינמאל און נאכאמאל, אז אין יעדן ריר איז דא א השגחה פרטית. א מענטש זאגט ער האט אמונה, אוודאי האט ער, ס'איז אבער באהאלטן אין אים, און אפילו וואס ס'איז אויפגעדעקט, איז נאך זייער ווייניג (שפתי קודש עמ' רלא).

**סימן ב**

**[א]** ראשית צריכים להיזהר בנטילת ידים כהלכה, ותיכף בהתעורר האדם בבוקר, אסור לרדת מן המטה טרם נטל ידיו כדין המבואר בשו"ע (או"ח סי'

שכן ראה אצל אבוה"ק שחינכו בביתם על הזהירות בפרטי הלכות נטילת ידים, ולעיין אם זהירים בזה כראוי [ב]

## הנחת רגלים על הרצפה קודם נטילת ידים

**ב. אמר בשם צדיקים שיש להיזהר אפילו שלא להניח את הרגלים על הרצפה קודם נטילת ידים [ג], כי אם בעודו שוכב יטה את עצמו ליטול ידיו מהמים שהכין ג**

### מעיינות הלוי

**ב)** כתב השו"ע הרב (מהדו"ק סי' ד סעיפים ב-ז) וז"ל, וגם בתלמוד הזהירו על רוח הטומאה זו ששורה על הידים וכו', וגם הזהירו מאוד שלא ליגע ביד קודם נטילה וכו'. ומי שישן במלבושיו, מאחר שיכול להיות שלא נגעו ידיו במקומות מטונפים שבגופו, הרי סתם ידים אלו כשרות להזכיר השם בברכות, ולדבר דברי תורה, מדין התלמוד והפוסקים, וא"צ לומר ליגע במלבושיו קודם נטילת ידים, אע"פ שרוח רעה שורה עליהן, רק שלא יגע באוכלין ומשקין וכו'.

אך בזוהר החמירו מאוד שלא לברך, ולא ללמוד, וכן שלא ליגע במלבושיו 'וכן שלא לילך ד' אמות בעוד רוח הטומאה שורה על הידים קודם נטילת ידים שחרית', והמהלך ד' אמות חייב מיתה, כי בהשראת טומאה זו על ידיו, חילל קדושת ה' אשר עליו, כעל כל עבדי ה' המתקדשים בקדושתו של מקום ברוך הוא ותורתו הקדושה בקדושה וטהרה, יתירה על טהרת המון עם אשר לא הגיעו למדה זו, ומ"מ אם אירע מקרה שאין לו מים וכו' ינקה בכל מדי דמנקי וכו' כדין התלמוד והפוסקים.

ובסעיף ב' כתב, רוח טומאה זו אינה מתאוה לשרות אלא בכלי של קודש במקום קדושה שנסתלקה משם, שהם גופות ישראל כשהם ישנים ונשמתם הקדושה מסתלקת מגופם, ואזי רוח הטומאה שורה על גופם וכשהנשמה חוזרת לגוף מסתלקת רוח הטמאה מכל הגוף ונשארת על הידים בלבד, עכ"ל.

**ג)** כתב בשלחן הטהור (סי' א' ס"ב) וז"ל, ולא יעמוד על רגליו בלא נטילה. ובספרו זוהר חי (ח"ב עמ' שמו) כתב וז"ל, אמר הצדיק רבי זושא מאניפולי, אחיו של רבינו הקדוש מוה"ר אלימלך מליזענסק, שאסור לעמוד ממטתו בלי נטילת ידים, כי לא ישלים הצורה בטומאה, כי כשעומד משלים קומתו זוקף כפופים ואסור קודם שנוטל ידיו. וכ"כ בנו בהקדמת ספרו אור עינים (כלל ב) ואח"כ נוטל ידיו בעודו שוכב על מטתו וכו', ואל יעמוד כלל על רגליו קודם הנטילה.

ובספר אגרא דפרקא (אות ט) כתב וז"ל, קבלה מאת כבוד דודי זקני סבא קדישא מהרמ"ז [מאניפולי] זצוק"ל, הא דאין רשאין לילך ד' אמות בלי נטילת שחרית, אמר הוא ז"ל דיש ליזהר שלא להציג רגליו על הארץ בלא נטילה, כי בהציג רגליו על הארץ בלא נטילה, אז ח"ו כל חמום הרע (שבנפש הבהמיות) רודף אחריו להסיתו, ואמר ע"ז רמז הפסוק (תהלים לו, ה) 'יתיצב על דרך לא טוב רע לא ימאס', ע"כ. והובא דבריו גם באשל אברהם להרה"ק מבוטשאטש זי"ע (ריש סי' ד)

### עבודת הלוי

**מי הנטילה בחדרו, עוררו היתכן להקל בדבר כזה לא לשפוך את מי נטילת הידים, לא יכל לשאת זאת שבחור לא ישא בעול זה.**

**גם עקב אחר אופן שינת הבחורים שיהיה בצניעות. וכן אם נזהרים מלהניח חפצים תחת המטה ששורה שם רוח הטומאה כידוע, וכשראה שהכל כשורה הביע ברבים את קורת רוחו על כך, גם כשפגשם לאחר כן עודדם על כך, ראה עוד להלן** (סימן לז).

### בארות הלוי

ד), וכן במשך כל היום, אם נוגע במקום מכוסה וכדומה צריך ליטול ידיו כדין (שיח"ק ח"ג עמ' שנז).

ישנם כאלו שאין נזהרים לקיים הדברים כראוי, ואין מכינים את המים בלילה סמוך למטתם ממש. וכן ישנם עוד הלכות בנטילת ידים שאין נזהרים בהם ואף שכבר עוררתי אתכם על ענינים אלו כמה וכמה פעמים וכו', אינני יודע מה עוד יש לי לעשות שתפנימו את חומר הדברים האלה, הלא זהו קדושתו של יהודי, וההתנהגות של כל היום תלויה בזה, ואיך אפשר שלא תתעוררו לקיים דברים הללו כראוי.

וכפי הנראה, העצה היחידה לתקן ענין זה תהיה, כאשר אכנס בעצמי אל חדרו של כל אחד בבוקר לעמוד על מטתו של כל תלמיד עם כלי של מים, לסייע לכל אחד ואחד בנטילת ידיו, וללמדו איך לערוך לכל אחד ואחד בנטילת ידיו, וללמדו איך לערוך את סדר הנטילה כתורה וכהלכה (שיח"ק ח"ג עמ' קמ).

**[ב]** בבוקר היה דרכו של זקיני הסב"ק זי"ע להתסכל על נכדיו ונכדותיו שהיו ישנים בביתו, איך הם נוטלים ידים שחרית, וכן היה דרכו לעיין אחר מעשי, איך אני נוטל את ידי (שיח"ק ח"ג עמ' צח).

בענין מה שזקיני הק' עמד בלילה לראות עבודת אביו הק', סיפר לי זקיני הק' עוד, כי פעם כאשר אביו הק' קם בלילה, נתעורר גם הוא משינתו, ואביו הק' הרגיש בזה ואמר לו בלשון הזה: מיין קינד, גיס דיר אפ די הענט, זאג ברכות התורה, און קוק צו ווי אזוי א יוד ברויך זיך צו פירן ביינאכט, עכ"ל.

בנו זקיני הק' ראה זאת במו עיניו, בהיותו ילד בן שמונה שנים, כי אביו הק' היה נוטלו תמיד לישן עמו יחד במטתו (דבר"ק ח"ב עמ' קעא). וזקיני הק' שאב הרבה יראת שמים מעבודת הלילות אשר ראה באביו הק' בימים ההם (שיח"ק ח"ב עמ' ר).

**[ג]** ידוע מה שאמר הרה"ק הר"ר זושא, כי כאשר האדם קם בבוקר, לא יציג רגליו על הארץ טרם נטל ידיו שחרית, מלבד מה דאיתא בשו"ע (ב"ח ומ"א בסי' ד) בשם הזוה"ק, שאסור ללכת ד' אמות בלי נטילת ידים שחרית, הוסיף הרבי רבי זושא להזהיר, שאסור אפילו להניח את רגליו על הארץ, ואמר כי אם האדם אינו נזהר בזה, נמשך כל היום אחר דברי היצר הרע רח"ל, דכולא בתר רישא גריר.

ופירש בזה את הפסוק (תהלים לו, ה) 'יתיצב על דרך לא טוב רע לא ימאס', שאם האדם מתיצב על דרך לא טוב, שמציג רגליו בעוד שלא נטל ידיו, אז 'רע לא ימאס' כל היום, כי הסטרא אחרא נאחז בו בתחלת היום. ומאמר זה הביאו כל הצדיקים, שהיה מקובל בידם מפי הר"ר זושא, שראה כך בשמים (שיח"ק ח"ג עמ' קמ).

ידוע המעשה בשני תלמידי הרה"ק ר"ר אלימלך מליזענסק זי"ע, אשר אחר פטירת רבם הקדוש נסעו אל הרבי ר' זושא, ובהיותם בדרך לא היה להם מים לנטילת ידים של שחרית, ואחד מהם קנה לעצמו משקה ליטול בו ידיו, והשני לא הקפיד כל כך ולא נטל ידיו, כשבאו אל הר"ר זושא אמר "דו האסט דאך באלד אלעס פארלוירען", כי אותו שנטל ידיו עדיין נשאר לו מה שקיבל אצל רבו, אבל השני כמעט איבד את כל המדריגות שקיבל אצל רבו.

וזה פירוש הפסוק 'יתיצב על דרך לא טוב', אם האדם מציב רגליו על דרך, באופן לא טוב, היינו בעוד רוח רעה שורה על ידיו, אזי ח"ו 'רע לא ימאס' שמאבד כל הטוב ממנו (שיח"ק ח"א עמ' קז).

# במקהלות

 נייעס, באריכטן
און אנטוויקלונגען,
אינערהאלב

## קהילותינו ומוסדותינו הקדושים

צווישן מקהלת אנשי
שלומינו ברחבי תבל

ישיבה גדולה אור החיים - קריתינו הק׳:

## חזרת הלימודים אריין אין קראפט

אין די פארלאפענע טעג האט זיך אנגעהויבן די סדרי החזרה, ווי מען חזר׳ט איבער די לימודים פון פרק יש נוחלין אין מסכת בבא בתרא וועלכע מ׳לערנט אין ישיבה.

במשך די טעג האט אויפגעטרעטן די מגי״ש הרה״ג ר׳ חיים סג״ל קרויס שליט״א, וועלכע האט ארומגערעדט דברי חיזוק ללימוד התורה מפי ספרים וסופרים, און עקסטער האט די מגי״ש שליט״א ארומגערעדט בשבח פון די תלמידי שיעור ב׳ וועלכע האבן זיך שוין פארהערט אין די לעצטערע וואכן איבער 200 בלאט, אינערהאלב די גאר חידש׳פולע און שטארקע חבורה קנין שלם - ווי מ׳חזרט כסדר איבער די אלטע בלעטער און מ׳פארהערט זיך עס ביי די מגי״ש בע״פ ישר והפך - און ב״ה מ׳האלט שוין נענטער ווי ווייטער צו ענדיגן גאנץ בבא בתרא בעל פה ישר והפך דעום קומענדיגע סוף זמן הבעל״ט.

*

## תלמידי שיעור ג׳ חזר׳ן און שטעלן זיך צום פארהער אויף גאנץ הל׳ מליחה

די תלמידי שיעור ג׳ וועלכע האבן במשך די יאר געלערנט הלכות מליחה, האבן אין די לעצטערע וואכן געהאט א סדר החזרה אויף די גאנצע מקצוע, מיט׳ן ציל צוזאמ-נעמען די לימודים כמונח בקופסא מיט א פעסטע שלימות.

די פארלאפענע מאנטאג שלח אויפדערנאכט זענען די תלמידים אריינגעפארן קיין מאנטריאל זיך צו פארהערן די גאנצע מקצוע ביי הגה״צ רבי יוחנן וואזנער שליט״א ראב״ד סקווירא, וועלכע האט פארהערט די לימודים פאר א לענגערע צייט, און עס האט זיך ב״ה דערקענט די ידיעות ובקיאות אין די מקצוע וועלכע די תלמידים זענען גוט אויסגעקאכט דערין.

נאך די פארהער האט די סקווירא דיין שליט״א זיך נאכגעפרעגט בפרטיות אויף יעדע בחור און משמיע געווען דברי חיזוק פאר די תלמידים ווייטער אנצוגיין בלימוד התורה און ענדיגן די הוראה בס״ד.

*

דעם קומענדיגן מיטוואך פארטאגס האבן די תלמידים געהאט די זעלטענע זכי׳ צו דאווענען א תפלת שחרית אינאיינעם מיט כ״ק מרן רבינו שליט״א אינעם הייליגן נאסטאלגישן בית מדרש הפרטי פון רביה״ק זי״ע. מען האט אפגעראכטן א תפילת שחרית מיט א התעוררות והתלהבות נפלאה, צום עמוד איז צוגעגאנגען החתן יעקב חיים סג״ל טירנויער ני״ו.

נאכ׳ן דאווענען איז פארגעקומען א מסיבת לחיים לרגל די געהויבענע שמחה פון סיום הלכות מליחה, ווי די רבי האט פארפירט מיט די אנוועזנדע תלמידים א שיינע שמועס, ווי קרוב צו א האלבע שעה האט די רבי פארציילט זכרונות ימי קדם, און אינטערעסאנטע ענינים פון די אינגע יארן ווען די רבי האט געלערנט די מקצועות און זיך פארהערט דערויף און גענומען די הוראה, און דערמיט מחזק געווען די תלמידים נישט זיך אפצושטעלן דא, נאר גיין ווייטער מחיל אל חיל און לערנען און קונה זיין נאך מקצועות התורה.

נאכ׳ן מסיבת לחיים זענען די בחורים צוגעפארן צום מרביט בית השחיטה, ווי די משגיח אויפן ארט מוה״ר משה אשר ראזענבערג הי״ו האט צו-געוויזן פאר די תלמידים אלע שיטות און הלכות וועלכע מען האט געלערנט משך די זמן.

*

## דערהויבענע סעודת רעווא דרעווין אויף א פריוואטע פארנעם

פארלאפענע שב״ק פר׳ בהעלותך בעת ווען כ״ק מרן רבינו שליט״א האט געפראוועט אינאיינעם מיט די תלמידי ישיבה גדולה תורת משולם פייש אין ניו יארק, האבן די תלמידי הישיבה געפראוועט אויף א פריוואטע פארנעם א דערהויבענע שלש סעודות אינאיינעם מיט די חשוב׳ע מגי״ש ורמ״י הישיבה שליט״א.

בעת די של״ש האט אויפגעטרעטן בדברי חיזוק והתעוררות הרה״ג רבי חיים ברוך יודא לייפער שליט״א, וועלכע האט משמיע געווען שטארקע דיבורים פאר די תלמידי הישיבה, און במתק לשונו האט ער משמיע געווען פאר די תלמידים דברי תורה והתחזקות, און פארברענגט בניגוני שירה וזמרה פון די אלטע היים וועלכע האט זיך פארצויגן פאר לאנגע שעות אריין אין מוצאי שבת.

כִּי אָמַרְתִּי עוֹלָם חֶסֶ"ד יִבָּנֶה:

# גייסטרייכע מאמענטן ביי עלעגאנטער מסיבת הכרת הטוב פאר וואלונטירן פון 'חסד דטאהש'

א הערליכער צוזאמקום איז פארגעקומען דעם פארלאפענעם דאנערשטאג פרשת חקת-בלק פאר די צענדליגער וואלונטירן פון "חסד דטאהש", אפצוצייכענען גאנצע 25 יאר - א האלבן יובל - זינט די ארגאניזאציע העלפט ארויס חולי ישראל ומשמשיהן מיט וועגן פון און צום שפיטאל, וואו מ'האט אנערקענט אין דער עבודת הקודש פון די יונגעלייט, און געגעבן חיזוק אויף ווייטער.

דער מעמד איז אפגעהאלטן געווארן אינעם הערליכן "לע ליווינג רום" זאל אין מאנטריאל, ווערנדיג באשיינט דורך הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א, און הרה"ג ר' יונה פישער שליט"א, מו"ץ בקריתינו הק'.

דער גאנצער פלאץ איז געווארן מאיעסטעטיש אהערגעשטעלט, מעשה ידי אומן פון מוה"ר זאנוויל יונגרייז הי"ו. א שיינער אָרקעסטער האט געהויבן די געמיטער, און א פולער מעניו איז סערווירט געווארן ארום רייך-געדעקטע טישן.

געעפנט דעם אוונט האט דער בארימטער פה מפיק מרגליות מוה"ר מאיר מרדכי בערקאוויטש הי"ו, וועלכער האט געהאלטן דעם עולם צוגענאגלט מיט זיינע טרעפליכע ווערטער און בליציגע געדאנקען.

ער האט צווישן אנדערן ארויסגעהויבן דעם הצנע-לכת'דיגן חסד וואס די חשוב'ע וואלונטירן טוען, ווען אָן קיין שום פרסום רייסן זיי אוועק א שעה-צוויי וואס זיי וואלטן רואיג געקענט נוצן פאר זיך, און אנשטאט מאכן זיי א טריפ צום שפיטאל פאר א צווייטן איד, ווייל אלע אידישע הערצער זענען פארבונדן און שפירן איינס דעם אנדערן. ער האט אויך געשילדערט דעם אומעט וואס הערשט צווישן די קאלעמוטנע שפיטאל-ווענט, און געוואוינט צו פארשטיין ווי מ'זאל נישט ווארטן ביז דער לעצטער מינוט צו נעמען א טריפ, נאר ווי פריער מ'אקצעפטירט עס, מאכט עס אזויפיל גרינגער פאר'ן חולה.

אין א שטארק-עמאציאנעלן אויפטריט האט הר"ר אלחנן חיים כ"ץ הי"ו געגומען דעם מייקראָפאָן. אלס עמיצער וואס האט זעלבסט נהנה געווען פון "חסד דטאהש" האט ער געוואלט קומען אויסדריקן זיינע געפילן פון הודאה. ער האט טרעפליך ארויסגעברענגט ווי די טריפס פון חסד זענען צום אלעם ערשט אן אומגעהויערע פינאנציעלע הילף, אבער ס'איז פיל מער פון דעם - ס'איז דאס געפיל אז מ'איז נישט אליין; אנדערע מענטשן וואס קענען אים אפילו נישט זענען גרייט אוועקצוגעבן אזויפיל. ער האט אויך אויפגעוויקלט ווי כאטש פונדרויסן קען אמאל אויסקוקן א טריפ נישט-וויכטיג, קען עס אבער פאר'ן באטרעפנדן מיינען זיין גאנצע שבת.

ס'האט אויך גערעדט מוה"ר משולם פייש ליעבערמאן הי"ו, עומד בראש פון 'חסד', זון פון להבחל"ח אונזער אלעמען אומפארגעסליכן הרה"ח ר' משה לייב ליעבערמאן ז"ל, וועלכער האט געגרינדעט די ארגאניזאציע. ער האט דערמאנט די חסד וואס זיין טאטע ע"ה האט געטון אויפ'ן טאהשער נוסח - נישט מיט קיין פרסום, נישט מיט קיין זייטיגע חשבונות, בלויז ווייל א איד דארף הילף, איז מען אים דא צו העלפן. ער האט אויך מיטגעטיילט די לעצטע דערגרייכונגען פון חסד און די וויזיע פאר דער צוקונפט. אויסער מאכן טריפס איז חסד א שירעם-ארגאניזאציע פאר מערערע פראיעקטן וואס קענען נאר גרינגער מאכן פאר חולי ישראל און זייערע משפחות, און וואו מ'זעט נאר עפעס וואס קען דינען דעם צוועק, איז "חסד דטאהש" גלייך דארט.

מוה"ר מאיר מרדכי בערקאוויטש הי"ו האט אויך ארויפגערופן און געטיילט ספעציעלע פלעג"ס פאר די איבערגעגעבענע וואלונטירן וועלכע האבן גענומען די מערסטע טריפס דורכאויס'ן יאר, די געטרייע דיספעטשער"ס וועלכע גיבן זיך אוועק יומם ולילה, און די חברי הוועד וועלכע שטייען אין שפיץ פון דער ארגאניזאציע.

צום שלוס איז פארגעקומען א פילפארביגער פאנעל דורך דריי חסד וואלונטירן: מוה"ר זעליג ראטענבערג הי"ו, מוה"ר שלמה זלמן בלום הי"ו, און מוה"ר יואל זוסמאן פריעד הי"ו. וואו זיי האבן דערציילט וואס דאס באדייט צו זיין א חסד מעמבער, יעדער פון זיין קוק-ווינקל, מיטטיילנדיג מערקווירדיגע עפיזאדן און אבזערוואציעס פון דורכאויס די יארן.

דער ציבור האט געדאוונט מעריב און דערנאך געמאכט דעם וועג אהיים מיט באנייטע כוחות און פרישע גאזאלין אין זייער הייליגער ארבעט.

ס'איז געווען א נאכט צום געדענקען!

קהלתינו הק' מאנסי:

# שיינע יארצייט סעודה לרגל ט"ו תמוז פארגעקומען בקהלתינו הק' מאנסי לרגל ט"ו תמוז

דעם פארגאנגענעם דינסטאג פנחס העעל"ט אויפדערנאכט, ליל ט"ו תמוז, איז פארגעקומען א באשיינפערליכע סעודת הילולא קדישא, לרגל די יומדהל"ק פונעם אור החיים הקדוש זי"ע, ווי ס'געווען צוגעשטעלט א שיינע סעודה פארן גאנצן ציבור, און עס האבן זיך אנגעזעהן פילע אנ"ש, ובהשתתפות הרבנים הגאונים הצדיקים שליט"א.

במשך די סעודה האט אויפגעטרעטן הגה"צ אב"ד קהלתינו הק' שליט"א, וועלכע טראגט די נאמען פונעם הייליגן בעל ההילולא, און ארויסגעברענגט די שטארקע קשר וואס מיר האבן צום בעל ההילולא דערציילנדיג עובדות וסיפורים מתורתו פון רביה"ק זי"ע. דערנאך האט אויפגעטרעטן הרב הגאון ר' יצחק אברהם יונגרייז שליט"א דומ"ץ דקהלתינו הק', און ארויסגעהויבן די גרויסע סגולות פון אזא טאג, און די טאג פון די יארצייט פון א צדיק קומען אראפ גרויסע השפעות און מען גלייבט אז מען גיט א זכות פארן צדיק משפיע צו זיין פאר אונז כל מילי דמיטב. אזוי אויך האט מען געהערט פאסיגע ווערטער פון הגה"צ אב"ד מירון שליט"א.

זכותו הגדול והקדוש יגן עלינו.

# מזמור לתודה

*בעמדינו אחרי המעמדים הגדולים בקרב מוסדותינו הקדושים ביום א' שלח*
*העעל"ט חובה נעימה היא להודות להלל ולהביע מזמור לתודה לכל הני אנשי שם*
*הנקובים בשמם שעזרו וסייעו בלב ובנפש ובמסירות יתירה.*

## מלך ביפיו תחזינה עינינו

מעומקא דליבאה כעבדה כמה מרא נביע תודתינו אל מול פני הקודש אבינו רועינו

## הוד כ"ק מרן רבינו שליט"א נשיא מוסדותינו

אשר בטלטולא דגברא רבה הפריש מזמנו ובא מהתם להכא למען בית הגדול שמגדלים בו תורה תחת דגלו והדרכתו ונשיאתו

## בראש וראשון ביקרא דאורייתא

נביע תודתינו אל פני הרב הגאון המפורסים מסוד בלב ובנפש למען הצלחת מוסדותינו הק'

## הגאון הצדיק דומ"ץ דקהילתינו שליט"א

שדרוש אצל המעמד המרומם בדברותיו הנעימים להצלחת המעמד

## תודה מיוחדת

אל מול העוסקי במלאכת הקודש
נאמני בית כ"ק מרן רבינו שליט"א

## ובפרט להרב ראובן מנחם שווארטץ שליט"א משב"ק

## והרב אליעזר צבי פישער שליט"א משב"ק

שעמדו לימינינו במשך המעמד בנאמנות יתירה

## ר' מאיר אומר

בלב מלא תודה נביע אל האי גברא רבה פה מפיק מרגליות
הרב מאיר מרדכי בערקאוויטש שליט"א
שניהל כל המעמד בכשרותיו הטובים

## צידה

תודתינו נביע להני תרי עס
במשך כל המעמד

## מו"ה רפאל י

RING

## מו"ה וואל

מחשובי

## הפ

מעומק ליבינו אנו צריכים להוד
מוסדותינו הק' העומדים תמיד ב
כל השנה ובפרט

## העסקן מו"ה שלמ

## העסקן מו"ה יצ

## העסקן מו"ה מש

## העסקן מו"ה אליעזר י

שעמדו בראש כל המעמד

## בכל בי

מחיובים אנן להביע הכרת הטוב
בסבר פנים יפות מסוד בלב ובנפש

## מו"ה יואל

מנאמני בית כ

ברך אברך

סקנים החשובים שעומדים לימינינו

ובפרט בהכנת כל המעמד

צחק מעהרינג הי״ו

RY CATE

ף גרינבוים הי״ו

הודי מוסדותינו הק׳

עם אודה

דות הני עסקנים החשובים חברי הנהלת

במסירות נפלאה בראש מוסדותינו במשך

למען המסיבה הנהדרה

הלא המה

מה גרינבוים הי״ו מנכ״ל

חק אייזיק זאפיר הי״ו

טה שמעון מאנדל הי״ו

קרויס הי״ו שליח מוסדותינו

מריישא עד סייפא במסירות נפלאה

תי נאמן הוא

להאי גברא יקירא איש המעש ורב פעלים

למען קיום והצלחת מוסדותינו הקדושים

טייטלבוים הי״ו

״ק מרן רבינו שליט״א

שעמד לנו לעזר ולסיוע למען הצלחת המעמד ומעשיו הטובים

עושים פירות

מנאמני בית כ״ק מרן רבינו שליט״א

## אחרון אחרון חביב

הרחמן הוא יברך את בעל הבית הזה

נביע תודתינו אל מול ידידינו עוז העומד תמיד לימינינו

הרבני הנגיד הנכבד המרומם

## מו״ה ר׳ דניאל הלל פיליפסון הי״ו ובי״ב

מגדולי תומכי מוסדותינו הקדושים

שזכה שביתו יהא אכסני׳ של תורה לערוך המסיבה הנהדרה

וגם צריכם להודות לבניו וחתניו שעמדו לימינינו במשך כל המעמד

בראש וראשון ידידינו עוז העומד תמיד לימינינו

מו״ה אברהם שמואל פיליפסון הי״ו

ואחיו ידידינו היקר

מו״ה אליעזר פיליפסון הי״ו

ידידינו היקר

מו״ה שמואל אברהם ווייס הי״ו

ידידינו היקר

מו״ה אהרן דייטש הי״ו

ידידינו היקר

מו״ה מאיר יצחק פישער הי״ו

מנאמני בית כ״ק מרן רבינו שליט״א

*ישלם ה׳ פעלם ותהי׳ משכורתם שלימה מעם ה׳ אלוקי ישראל, ועוד רבות בשנים יזכו לעמוד על משמרתם מתוך רב תענוג ונחת והרחבת הדעת וכל מילי דמיטב, וזכותו הקדוש של רבינו הקדוש זצוק״ל ילווה תמיד, עדי נזכה כולנו יחד במהרה לאורו של ביאת משיח צדקינו ומלכינו בראשינו בב״א*



# בצל הקודש

מהנעשה והנשמע בביתו נאוה קודש
של כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

חקת - בלק - תשפ"ו לפ"ק

## מאנטאג חק"ב

נאכמיטאג איז כ"ק מרן רבינו שליט"א ערשנען אויף א קורצע באזוך אין ניו יארק לטובת מוסדותינו הק'.

ביינאכט האט זיך דער רבי' משתתף געווען ביי די שמחת החתונה פון הרבני הנגיד ר' אלכסנדר גאלדבערגער שליט"א. דער רבי' האט געטרינקן לחיים און ווארעם אנגעוואונטשן ברכות לרוב, דערנאך געטאנצן ריקודי קודש מצוה טאנץ לפני הכלה.

## דינסטאג פר' חק"ב

אינדערפרי האט דער רבי' געדאווענט תפילת שחרית בבית מדרשינו תפארת משולם אין וומסב"ג, פארן עמוד האט געדאווענט מוה"ר ישראל זאב סג"ל שווארץ הי"ו.

במשכ'ן טאג האט דער רבי' אויפגענומען נגידים בעם וועלכע האבן געגעבן גרעסערע סכומים לטובת מוסדותינו הק'.

ביינאכט האט זיך דער רבי' משתתף געווען ביים שמחת התנאים פון בן מוה"ר אהרן לפידות זילבער הי"ו, בן הרה"ח ר' יודל זילבער הי"ו, אין וומסב"ג. דער רבי' האט געטרינקן לחיים און אנגעוואונטשן ברכת קודש פארן חתן און מחותנים און זיידע'ס ובני המשפחה.

## מיטוואך פר' חק"ב

אינדערפרי האט דער רבי' געדאווענט שחרית בבית מדרשינו תפארת משולם אין וומסב"ג, פארן עמוד האט געדאווענט מו"ה ארי' יקותיאל זאב עקשטיין הי"ו.

שפעטער האט דער רבי' באזוכט אין כולל דברי אש, וואו דער רבי' האט משמיע געווען דברות קודש דברי חיזוק פאר די אברכי הכולל.

דערנאך האט דער פטרון הכולל הנגיד ר' בערל ווייס הי"ו מנדב געווען א פאנטאסטישע סומע לטובת מוסדותינו הק'.

במשכ'ן טאג איז דער רבי' געווען באזוכן ביים פלימעניק הרה"צ רבי יחזקאל שרגא סג"ל לאווי שליט"א אין בארא פארק.

בערך 11:00 ביינאכט איז דער רבי' צוריק אנגעקומען אהיים אין קריתינו הק', און געדאווענט מעריב אין ביהמ"ד אברכים. פאר מעריב האט זיך דער רבי' באגריסט מיט גיסו כ"ק גאב"ד טאהש מאנסי שליט"א.

## דאנערשטאג פר' חק"ב

אינדערפרי איז פארגעקומען ביי רבינו שליט"א די אפשערן פון בן מו"ה יואל פריעדמאן הי"ו. דער רבי' האט אפגעשוירן די האר אנגעטון קאפל און ציצית און געבענטשט די קינד, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו פאר די עלטערן ובני משפחה.

נאכמיטאג האט דער רבי' מנחם אבל געווען ביי משפחת מזרחי / אסבאג, היושבים על פטירת האשה החשובה מרת מרים אסתר ע"ה בת הרה"ח ר' חיים רפאל הי"ו. דער רבי' האט געטרייסט און מחזק געווען די משפחה, און ווארעם אנגעוואונטשן ברכות לרוב.

ביינאכט פאר מעריב האט דער רבי' געצינדן ליכט לע"נ דער הייליגער עטרת צבי זי"ע, און געדאווענט מעריב פארן עמוד. נאך מעריב איז פארגעקומען א יארצייט סעודה בביתו נאוה קודש אינאיינעם מיט נכדי בעל ההילולא זי"ע.

דער רבי' האט מכבד געווען גיסו כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א אויפצוטרעטן, און מיט ברהמ"ז על הכוס.

אזוי אויך האט דער רבי' מכבד געווען הרה"ח ר' יצחק יודא לייבוש מערמעלשטיין שליט"א פארצוזינגן ניגוני זידיטשוב.

## עש"ק פר' חק"ב

אינדערפרי איז פארגעקומען ביי רבינו שליט"א די תפלין לייגן פאר הבחור הבר מצוה בן מוה"ר משה יצחק הערשקאוויטש הי"ו חבר הנהלת מוסדותינו הק', דער רבי' האט געגעבן ווארימע דברי הדרכה, און נאכן תפלין לייגן אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן בר מצוה בחור און די עלטערן, און געגעבן במתנה די ספרי הקודש עבודת עבודה.

נאכמיטאג איז דער רבי' ארויס מיט א מנין צום ציון פון ש"ב הרה"ח ר' יעקב הערש וויינגארטן ז"ל, וועלכע האט נישט איבערגעלאזט קיין זש"ק, דער רבי' האט געזאגט א ספר תהלים, דערנאך משניות און קדיש.

## שב"ק פר' חק"ב

פארן זמן הדלה"נ איז דער רבי' ערשינען אין ביהמ"ד הגדול, געצינדן די ליכט ביים עמוד און די ליכט לע"נ רביה"ק זי"ע, און די נרות שבת, און געזאגט שיר השירים אינאיינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה, דערנאך געוואונטשן א גוט שבת.

פארן דאווענען האט דער רבי אנגעטון די שטריימל פאר החתן יעקב אלימלך ני"ו תלמיד ישיבה"ק אוה"ח, ב"ר ישראל מרדכי קרויס הי"ו, און פאר החתן שרגא פייוול ב"ר יואל שווארץ ני"ו, דערנאך אנגעוואונטשן ברכת קדשו פאר די חתנים און מחותנים ובני משפחה.

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א, דער רבי איז צוגעגאנגען צו קבלת שבת. נאכן דאווענען איז דער ציבור אריבער דעם רבי'ן וואונטשן 'א גוט שבת'.

דערנאך האט דער רבי געטאנצן מיטביידע חתנים, דערנאך מיט די מחותנים און זיידע'ס.

⋄

ביים שלחן הטהור איז מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש החתן יואל ב"ר אברהם יושע בינער ני"ו תלמיד ישיבה גדולה.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, הרה"צ רבי אברהם יודא סג"ל שליט"א, הרה"צ רבי יחיאל מיכל ישעי' מאסקאוויטש שליט"א חדב"ן, הרה"צ רבי משה סג"ל שליט"א, הרה"צ רבי ישראל מרדכי סג"ל שליט"א, הרה"ח ר' יושע יודא גלאנץ הי"ו פון קרית יואל.

דער רבי האט פארגעלערנט בספה"ק נועם אלימלך, און דערנאך ממשיך געווען מיט דברות קודש.

דער רבי האט געבענטשט ברהמ"ז על הכוס, הגבהת הכוס מוה"ר יוסף חיים סג"ל קרויס הי"ו פון קרית יואל, שיר המעלות הב' חיים יחזקאל דוב בה"ר אלימלך סג"ל לאווען ני"ו.

שבח נותנים לו בן הרה"ג ר' יודא שפיטצער שליט"א פון מאנטריאל. נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי'ן און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג.

אנקומענדיג לביתו נאוה קודש איז פארגעקומען די שלום זכר פון נכד רבינו שליט"א, בן הנולד צו הגה"צ רבי יחיאל מיכל ישעי' מאסקאוויטש שליט"א חדב"ן, מען האט געזינגען עטליכע ניגונים, דער רבי האט טועם געווען פון די בונדלעך, געטרינקען לחיים, אנגעוואונטשן די בעל שמחה, און פארטיילט שיריים.

⋄

שבת אינדערפרי האט דער רבי פארגעזאגט ספר תהלים ביים עמוד כנהוג. צו פסוקי דזמרה און שחרית און מוסף איז צוגעגאנגען הרה"ח ר' אהרן קרויס הי"ו לכבוד די יארצייט פון זיין טאטע ע"ה בו ביום.

די עליות האבן עולה געווען: כהן כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, לוי רבינו שליט"א, שלישי הגה"צ ר' יחיאל מיכל ישעי' מאסקאוויטש שליט"א חדב"ן, רביעי הרה"ח ר' אהרן קרויס הי"ו, חמישי מוה"ר יעקב קעלנער הי"ו פון מאנסי, ששי כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א, שביעי מוה"ר אהרן ברד"מ קרויס הי"ו פון קרית יואל, הוספות: הב' הבר מצוה ב"ר משה יצחק הערשקאוויטש ני"ו, מו"ה חיים יחיאל פריעדמאן הי"ו, מוה"ר יעקב אלימלך לייפער הי"ו דער רבי האט געגעבן די נאמען לבתו הנולד לו למזל טוב, החתן שרגא פייוול ב"ר יואל שווארץ ני"ו און עס איז פארגעקומען די באווארפן, החתן יעקב אלימלך ב"ר ישראל מרדכי קרויס ני"ו און עס איז פארגעקומען די באווארפן.

אחרון מוה"ר אלי' סג"ל קרויס הי"ו דער רבי האט געגעבן די נאמען לבתו הנולד לו למזל טוב.

פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט די מי שברך לחולי ישראל. מפטיר האט עולה געווען הרה"ח ר' אברהם מרדכי יודא פעלבערבוים הי"ו פון מאנסי. גלילה מו"ה מרדכי ארגעל הי"ו.

פתיחה צו אנעים זמירות מוה"ר יעקב שלמה פערענץ הי"ו פון מאנטריאל.

⋄

ביים שלחן הטהור אינאיינעם מיט די תלמידי ישיבה גדולה ואורחים החשובים איז מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש מוה"ר בנציון יעקב לאם הי"ו פון מאנסי.

אז ביום השביעי מוה"ר יצחק אייזיק פעלבערבוים הי"ו פון קיימישא. ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה"ח ר' יושע יודא גלאנץ הי"ו, שיר המעלות הב' אברהם דוד צבי ב"ר יצחק שמעון אסטרייכער ני"ו תלמיד ישיבה גדולה.

נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי'ן און געזאגט דברי תורה אויפן וועג, אנקומענדיג אהיים האט דער רבי געוואונטשן 'א גוט שבת'.

⋄

שבת נאכמיטאג האט פארגעלערנט פרקי אבות בהיכל ביהמ"ד הגדול הרה"צ רבי ישראל מרדכי סג"ל שליט"א.

דער רבי איז צוגעגאנגען צו תפילת מנחה. די עליות האבן עולה געווען: ראשון הרה"ח ר' זלמן לייב שווארץ הי"ו פון וומסב"ג, שני מוה"ר ישראל מרדכי קרויס הי"ו, שלישי מוה"ר יואל שווארץ הי"ו, הגבה כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א, גלילה מוה"ר יעקב יוסף בערגער הי"ו פון שיכון סקווירא.

קידוש ביי סעודה שלישית האט דער רבי מכבד געווען הרה"ח ר' אהרן קרויס הי"ו. דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: הרה"ח ר' פנחס זעליג שלום פיש הי"ו פון בארא פארק, מוה"ר יואל פריעדמאן הי"ו פון וומסב"ג, מוה"ר משה יצחק הערשקאוויטש הי"ו חבר הנהלת מוסדותינו הק', הרב איתמר האראוויץ שליט"א פון בארא פארק, נכד רביה"ק זי"ע.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א, שיר המעלות הב' מנחם שלמה ב"ר נטע פארקאש ני"ו פון קרית יואל.

דער רבי איז צוגעגאנגען צו תפילת מעריב, דערנאך געמאכט הבדלה, הגבהת הכוס צו הבדלה הרה"צ רבי משה סג"ל שליט"א, די הבדלה האט געהאלטן החתן שרגא פייוול ב"ר יואל שווארץ ני"ו.

דערנאך האט דער רבי אויפגענומען קבלת קהל לברך ולהתברך בחדר הפרטי בבנין הישיבה.





מזון הנפש

# סדר הלימודים

בכמסגרת החבורות שע"י קהילתינו הק'

## = פרשת מטות מסעי =

| | ז' עמודים - מסכת מנחות | | ה' עמודים - מסכת סנהדרין | |
|---|---|---|---|---|
| | [illegible] | [illegible] | [illegible] | [illegible] |
| שב"ק פנחס | דף ו. | דף קיח. | חזרה | חזרה |
| זונטאג | דף ו: | דף קיח: | דף כג. | דף יט: |
| מאנטאג | דף ז. | דף קיט. | דף כג: | דף כ. |
| דינסטאג | דף ז: | דף קיט: | דף כד. | דף כ: |
| מיטוואך | דף ח. | דף קכ. | דף כד: | דף כא. |
| דאנערשטאג | דף ח: | דף קכ: | דף כה. | דף כא: |
| עש"ק | דף ט. | דף ב. | חזרה | חזרה |

בחינה הבאה ביום א' דברים

חבורה ז' עמודים - קט. - סוף המסכת

חבורה ה' עמודים - יג. - כב:

514-500-8674 - 718-451-8674



קול איחוד טאהש

מקושר פון איבעראל

718.451.TOSH | 514.500.TOSH

פרנס

השיעורי תורה על
'קול איחוד' לשבוע הבעל"ט

נתנדב לע"נ

הרה"ח ר' מאיר משה ב"ר אלי' ע"ה
שפיטצער

יארצייט ביום
כ"א תמוז - ב' מטו"מ
הבעל"ט

זכות השיעורי תורה דרבים יעמוד
לו ולזרעו להתברך בכל הברכות
הכתובה בתורה עד עולם אמן

718.451.8674 | 514.500.8674

0.333.015.0715 | 079.704.0074

קולו בקודש מרביה"ק זי"ע | דברות ושיחות קודש מרבינו שליט"א | דרשות | שיעורים | חבורות
מעמדים | מאורעות | מודעות | שמחות | אינטערוויו'ס | מזון הנפש | עזר לתושבים
מעמבער אפטיילונג | ואטהר ואתקדש | קהילות ומוסדות | פרנסה ביחד | ועוד



די לעצטע געלעגנהייט אריינצושיקן בריוון,
מודעות, און מזל טוב'ס פארן גליון, איז:
מיטוואך 12:00 מיטאג



איחוד תלמידי וחסידי טאהש
תלמידי וחסידי טאהש

יו"ל ע"י

איחוד תלמידי וחסידי טאהש

פילצאליגע פראיעקטן צו פאראייניגן און סערווירן אנשי שלומינו

P: 718.451.8674 EXT. 80 | F: 845.610.8674

11 Van Buren Dr. #205 Monroe N.Y. 10950